STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03519

TSESHTERNTE KLANGEN

Chaim Plotkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים פלאָטקין / צעשטערנטע קלאַנגען

חיים פּלאָטקין

צעשטערנטע קלאַנגען

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך“
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ״ט — 1988

חיים פלאָטקין

צלילים מכוכבים

שירים

CHAIM PLOTKIN

Zeshternte Klangen

Poems

פאָרטרעט געצייכנט: נעמי קאַץ-פלאָטקין

© כל הזכויות שמורות למחבר

Ch. Plotkin, 1590 East 19 St.
Brooklyn N.Y. 11230 U.S.A.

Printed in Israel 1988

נדפס בישראל 1988

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר יידיש-שאַפונג
רחוב איתמר בן-אבי 4, תל-אביב, ת. ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

צום ווײַסטן ברעג

*

כ׳וויל מײַנע לידער
פרײַ זאָלן פליסן
ווי אַ קוואַל פון באַרג.
פון אַ ביטערן טעם
ניט וויסן זיי זאָלן,
און ניט פון דער וואָג
אויפן מאַרק — — —

1953

צעשטערנטע קלאַנגען

מיך פאַרשיכּורט אַ ליד, אַ גוטס,
כ׳בין מקנא
און בענטש דעם דיכטער
וואָס האָט אַזאַ ליד געשריבן.
דער ניגון און ריטעם
באַגלייט די רעגן־בויגן־קאָלירן —
אויף כמורנע און זוניקע וועגן שפּאַצירן
פון קיין פּוס ניט באַטראָטן...
זײַנע וויזיעס —
אַ סימפאָניע פון צעשטערנטע קלאַנגען;
קראַנצן און קרוינען
אויף זײַנע געזאַנגען.

1978

ניט־דערזאָגטע רייד

זי איז יונג.
היפּידיק געקליידט.
אין אירע אויגן:
אַ שטיק וואַלד,
דער אָטעם פֿון ים,
אַ טיפֿער טאָל.

אויבּ דער דריַילינג
איז ניט געווען
האָב איך אים געזען
אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט
וואָס איז ליידיק ניט געבליבן...

מיַין בליק האָט איר קוים באַגלייט,
און ווען כ׳וויס איר אַדרעס —
די ניט־דערזאָגטע רייד
איר אַ בריוול כוואָלט געשריבן.

1982

זי האָט מיר דערמאָנט...

מײַן נאָענטסטער און ליבסטער איז שווער צו פאַרשטיין
פאַרוואָס כ׳דריי אַוועק דעם קאָפּ פון אַ נאַקעטן בוים.
מיר גייען און שווײַגן. כ׳פּרוּוו פאַר איר באַהאַלטן מײַן פּײַן
וואָס יעדער בוים האַלט בײַם פאַרלירן זײַן קרוין.

דער האַרבסטיקער ווינט טוט פון די צווײַגן אַראָפּיאָגן די בלעטער
די גומענע רעדער וואַלגערן זיי מיט זאַמאַך און האַס.
די ביימער וויגן זיך, וואַרפן זיך און קלאָגן:
וואָס פון זייער געביין עס ווערט איצט אויף דער גאַס...

דעם וועג אויף צוריק — צווישן ביימער אַ סך —
כ׳פּרוּוו אים, כ׳וויל אים פאַרמײַדן.
כ׳זאָג איר: כ׳דערפיל פון די ביימער די שפּראַך.
צערטלט איר שמייכל:
מײַן גאָט, ווי דו ביסט באַשיידן...

1978

גאָלדענע פּערעם

שטראָמען זונשטראַלן —
גאָלדענע פּעדעם
ווי פון הימל פאַלן.

פּעדעם פון באַוול, וואַטע און זייַד,
מיט נאָדל ווי אַ פידל
דעם גוף באַקליידט.

יעדעס ברעקעלע פון געביין
אָן פּעדים, וואָלט געווען נאַקעט,
עלנט ווי אַ שטיין.

וואָלקנס מיט אַ ליכטיק פּנים
אויפן ימיקן הימל
צווישן פּעדעם שווימען.

די לבנה אין אַ רינג פון שטערן.
פון די זילבערנע פּעדעם —
שפּיגעלער ווערן.

...ווי אַ פאַרמער אַקערט און זייט,
יאָרן כ'האָב קליידער געניייט
מיט פּעדעם פאַר לידער פון האַרץ באַגלייט — —

1986

צום ווײַטסטן ברעג

בײַם שטילן דעם הונגער
אויף בויגנס פּאַפּיר
עס שיידט זיך ניט די אומרו אין מיר.
אויך פערזן האָבן דעם ריטעם פאַרלוירן;
פון די ווערטער אין די שורות
כ'הער טענות אָן אַ שיעור.
אין שפּיגל איך זוך
די פאַרבאָרגענע שפּורן —
דעם ענטפער דעם קלאָרן
צום ליד געפינען.

צום ווײַטסטן ברעג
איז מײַן ציל צו דערשווימען
אויף כוואַליעס פון שורות
ריטמיש צעהוידעט,
ווו זוניקע פעדעם
פון הימלראָד קומען
מיט אַ ניגון אַ נײַעם
אין אויער מיר סוד'ען.

בין איך לאַנג שוין צום ליד
אַ קנעכט אַ געטרײַער, —
אַן עדות מײַן פען,
מײַן ברען
און דאָס ליד.

1972

צו לויטערע קוואַלן

כ׳בין פֿאַרליבט אין פּשוטע ווערטער,
געטאָקטע און געשליפֿן פֿון פֿאָלקישע צינגער.
זיי זענען די קערנער און די גערטנער —
דער ניגון פֿון דור־דורותדיקע זינגער.

זייער קלאָרקייט טעמט מײַן גומען,
ווי פֿון בוים אַראָפּ אַן עפּל.
די ירושה, וואָס כ׳האָב פֿון וויגל מיטגענומען
פֿירט מיך פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל.

האָב איך געטראָפֿן צו לויטערע קוואַלן
פֿון מײַן לשונס געלײַטערט פֿליסן;
צו מאַני לייבן — זײַנע ליכטיקע שטראַלן
און צו לייוויקס ברויז פֿון געוויסן.

1975

ניט־געשריבענע נאָטן

כ׳האָב מײַן גאָרטן צעגראָבן, פאַרזעצט, פאַרזייט —
שעפּ איך נחת פונעם וואַקסן און בליִען;
אויך פון צוויי געסט — וואָס ניט־פאַרבעטענערהייט
זענען געקומען צו פליִען.

פאַרטאָג האָט זייער געזאַנג מיך צעוועקט,
בײַם פענצטער כ׳וויש דעם שלאָף פון די אויגן:
זיי האָבן מײַן „ווערק" אין גאָרטן אַנטפּלעקט
אויף אַ צווײַג צו אַ קוסט צוגעבויגן.

אין פרילינג האָב איך דאָס שטיבעלע געמאַכט,
מיט ווײַסע פענצטערלעך ווי ציינגלעך פון קלאַווירן;
צום שמאָלן קוימענדל אַ ווײַס לײַטערל געבראַכט
ווו מײַנע געסט — וויכּוחים פירן...

אין די פענצטערלעך קוקן זיי אַרײַן מיט חשד
רעדן צווישן זיך, — אפשר סודען?
און אַ ראַבין כאַפּט אַ פליגעלע אויף אַ בלאַט
פונעם צווײַגל וואָס האַלט זיך אין הוידען.

די צוויי ראַבינס באַטראַכטן ס׳שטיבעלע אָן אַ שיעור,
ווי זיי וואָלטן אין די טירעלעך אַנדעקט דעם חסרון...
כ׳בין שוין אין גאָרטן; דאַכט זיך, זיי פרעגן ביי מיר:
„דערלויבסט אונדז ווערן דײַנע זומער־לאָקאַטאָרן?"

— יאָ, מיט פאַרגעניגן! בלײַבט דאָ אויף קעסט:
איר מעגט דאָס די פייגעלעך דערציילן.
כ׳ווייס נישט צי בין איך אין אײַך געראָטן,
נאָר באַנעמען כ׳טו באַנעמען די ניט־געשריבענע נאָטן...

אין וואַלד

אויפן וועג צום וואַלד,
אָן אַ סימן פון צאַמען,
כ׳פאַרגעס די שטאָטישע קלאָפּאָטן,
ווי פליגל מײַנע הענט.
אויף די קעפּ פון די ביימער
די בלישטשענדיקע קאַמען,
אויף די שיטערע גראָזן
מײַן שאָטן צעקעמט.

דער ווינט האָט דאָ מחדש געווען
אַ צווײַג מיט אַ צווײַג;
אין תּאווה פון זומער
זיי זענען ווי געשוווּמען.
זיי צעבליִען די שעהען
פון די יולי־טעג.
עדות די בײַמער, —
מחותּנים.

וואַלדישע ליבשאַפט
ווערט ניט פאַרלוירן.
ווינטלעך ווערן ניט מיד
די צווײַגן צו גלעטן.
בײַם שיידוועג אַ צווײַג
האָט צווילינג־בלעטלעך געבוירן
בין איך געקומען צום יום־טוב
ווי אַ גאַסט ניט געבעטן.

דאָ וואַרטן ניט די פֿייגל
אויף אַ דיריגענט;
עס דערמאָנט זייער ניגון
אין פּיאַנאָ־זינגער.
בין איך געקומען היינט פֿרי
דאָ שטילן מיין הונגער.

כ'מייד אויך ניט ביימער
ווי פֿון העק צעשפּאָלטן;
קרבנות פֿון בליצן,
דונערס און שטורעמס.
ביימער וואָס וואַקסן און בליִען
אויף רו צו געפֿינען...

1969

זאַפּטיקער טעם

דער פּרימאָרגן האָט אויסגעטאָן
דאָס זײַדענע העמד:

עטלעכע שפּאַן פון מײַן שוועל,
פון פּאַלמענבוים די בלעטער —
גרינע סטענגעס —
וויגן זיך,
ווי פון מײַן טאַטנס טלית די ציצית
אין בית־מדרש, אַ מאָל.

הינטער די ביימער די אַרומיקע שטיבלעך —
ווײַסע בערן
עפענען די אויגן.

אויפן קלאָרן הימל
די זון איז
אַ ראָד פון גאָלד.

פלאַכע לייטערס מיט שיטערע טרעפּ
טראָגן פוכיקע וואָלקנס
אויפן וועג צום ים.

אַ טעם פון שווימען
איך פיל פון מײַנע באָרוועסע פיס
אויף די טעפּער־טוויִקע גראָזן.

צאַרטע ווינטלעך צערײַסן די זונפּעדעם אויפֿן טײַכל
און איך רוף די פֿישלעך
מיט די זעמל־ברעקלעך וואָס כ'וואַרף צו זיי.

די בונט־קאָליריקע בלומען
זענען ווײַן פֿון בעכערס
אויפֿן וועג צו אַ גן־עדן.

פֿון די מאַראַנצן־ביימער —
אַ זאַפּטיקער טעם
אויף מײַנע ליפּן און גומען.

אַ האַלב־נאַקעטער איך פֿיל
דאָס צאַרטע ווינטל —
אַ געליבטערס תּאוותדיקער קוש.

1983

אַ שפּראָץ אויף באַגינען

די שטיבלעך אויף בערג — דרעמלדיקע זקנים,
וואָס האָבן אויפגעהערט שוין לאַנג די יאָרן צו ציילן.
ס׳פּראַווען נאָר חתונות זייערע נאָענטסטע שכנים:
די וועווערקעס, די חיהלעך אויף ביימער און היילן.

זיי נעסטן נישט ווײַט פון פענצטער און טירן,
ווו אָפּטמאָל זיי קומען וויזיט אָפּצושטאַטן
און באַהאַלטן ס׳געלאַטכנטע איידער די ערד נעמט פרירן —
צו האָבן אין קעלטן אַ מאָלצײַט אַ זאַטן.

זומערצײַט הייבן אָן די שטיבלעך דערוואַכן,
די שטאָטמענטשן פּאַרווישן דעם שפּינוועב אין שטובן,
די טרוקענע צווײַגן אונטער די זוילן לאַכן
מיט שפּיגל־גלאַנציקע געוואַשענע שויבן.

די פייגלשע געזאַנגען פילן אָן די ווענטלעך־שפּאַרעס,
ווו פּאַרשיכּורטע ווינטלעך סימפּאָניש פּײַפן.
הונגעריקע קעצלעך ניוכען אין די נאָרעס
אַרום די שאָטנס בײַ די ביימער מיט מאָכיקע רייפן.

די קינדער פּאַרשאַרן די בלעטלעך פון די שטעגן,
באָרוועסע פיסלעך קושן זיך מיטן הייסן זאַמד,
ס׳וואַרט אויף זיי ס׳טייכל נאָכן לאַנג־שווערן רעגן,
וואָס האָט די גראָזיקע ברעגן אַריבערגעשפּאַנט.

ווערבעס אין טײַכל זיך שפּיגלען די קעפּ,
אין וואַסער צעציטערט, פֿאַרשוווּמען;
און צווײַגן מיט צינגער — גרין־טונקעלע צעפּ —
שעפּטשען צו קינדער, אין שפּילן פֿאַרנומען.

בײַנאַכט ווערט דער הימל ווי האַרבסטיק פֿאַרכמורעט,
די שטערן אין וואָלקנס אַנטרינען,
בלויז דער לבֿנה־האָרן צווישן זיי דאָרט צעבורעט —
יאָגט זיך פֿאַרעקשנט ביזן שפּראָץ פֿון באַגינען.

1975

פון שטאָט אַנטלאָפן

די כמורנע וואָלקנס וויינען
צוויי טעג און אַ נאַכט.
האָבן די בליצן, די פייערדיקע קרוינען,
ווי די דונערס פון אַ מבול צוגעטראַכט?

די לוזשעס פאַרפלייצן די ראָגן,
מיט פולקייט די קאַנאַלן זיך שטיקן.
די שטראָמען, ווי פון שדים געטראָגן —
כאָטש פאַרצי איבער דעכער בריקן.

די זון איז פון שטאָט היינט אַנטלאָפן,
וועלכער נביא ווייסט איר נייעם אַדרעס?
די הימלישע קרוין איז פאַרשלאָפן
און חלומט אַ חלום פון אַ נס...

1959

הימלישע טויערן

אַ בינטל מעת־לעתן
און אַ צעווייקטע נאַכט,
ווי דער ים אויפן הימל וואָלט געכוואַליעט.
די נידעריקע וואָלקנס
אָנגעפּוישטע מיט רעגן
פון שטעגן און וועגן
האָבן טײַכן געמאַכט.

פּוסט שוין אַ וואָך
גאַסן און סקווערן:
די שיך אויף די פיס
ווער וויל זיי דערטרינקען?
אַ פײַפן פון ווינט
אויך טויבע קאָנען הערן,
און לאַנג —
די שאַרפקייט געדענקען.

די שעהען פון טאָג הײַנט
זענען שנעל אַנטרונען.
די לבֿנה, פון איר שטערן־געלעגער,
פאַרגעסן האָט צו קומען:
כ׳ווייס נישט צי איר שרעקן
די דונערס און בליצן
ווו די הימלשע טויערן —
אין אַ מבול איז געשווומען.

1979

ערגעץ־ווו בלאָנדזשעט

די זון האָט זיך שנעל געזעגנט מיטן טאָג
געקומען אַ מידע, קוים באַוויזן ס׳פּנים,
בײַם הימל־ראַנד, אַ שניי־ווײַס וואָלקנדל, וויגט זיך ווי אויף אַ וואָג,
אינעם ריזיקן וואָלקנבאַרג אַרײַנגעשווומען.

אַ כמורנער הימל ווערט פֿאַר מײַנע אויגן געבוירן.
אַ פֿאַרהילטער, מיט אַ קאָליר פֿון קאַלטן בלײַ:
ווי דער לוח וואָלט דעם זכּרון פֿאַרלוירן —
צי האָט ער פֿאַרגעסן אַז ס׳איז חודש מײַ?

האָט דער ערשטער דונער דעם הימל צעשפּאָלטן,
און צעבראָכן די שליוזן פֿון די טיפֿסטע קוואַלן.
פֿון די ביימער קריכן אַראָפּ שאָטנס — געשטאַלטן
— ס׳פּאַלט אויף זיי דער האָגל: סטענגעס ווײַסע שטראַלן.

דער בליאַסק אין די פֿענצטער פֿון די חלפֿדיקע בליצן,
ווי דער בלענד פֿון ביליאָנען פֿונקען.
ס׳קאָן קיינער אַצינד דעם דרויסן ניט באַשיצן,
ער ווערט אין מבול דערטרונקען.

די קלאָען פֿון ווינט און זײַן אימהדיק ברומען
פֿאַריאָגט האָבן מײַנע פֿאַרהיימישטע טויבן.
פּלוצעם — ווי די נאַכט וואָלט אויף פֿליגל געקומען —
מיט אַ גרויקייט באַקליידט די טרערנדיקע שויבן.

אַ צווײַג פֿון מײַן בוים איז געפֿאַלן אויף דער אַנטענע
און דער שטאַנג מיט בלעטער, אין פֿלאָנטער זיך וויגן;
איך עפֿן די טעלעוויזיע — ס׳דערציילט די ציטערדיקע פּליאַמע,
אַז ערגעץ ווו בלאָנדזשעט אַן איבערגעריסענער ניגון...

1981

קײַלעכדיקער שפּיגל

שפּעט איז די זון הײַנט געקומען,
מיט אַ פּראַקטיק האַרץ פון די ווינטער־טעג.
ווי אַ מידע פון וואַנדערן קוים־קוים געשווומען —
צווישן די וואָלקנס — אַ צעגליטער וועג.

אין שנייהעמדער די דעכער און די גאַסן,
געהילטע אין אײַז פונעם שאַרפן רעגן.
פון די נאַקעטע ביימער די שמאָל־שאָטנדיקע פּאַסן —
די צעוויגטע צווײַגן מיט טאָג זיך געזעגן.

אויף דער שאַרפער קאָסע איז געריטן דער ווינט,
שנעל די נאַכט געבראַכט אויף פליגל:
די ערשטע שטערן געקומען אַצינד
קוקן אַראָפּ אויף דער לבנה — אַ קײַלעכדיקער שפּיגל.

איך גאָף אויף דער לבנה, פולער און ברייטער,
בײַ די טרעפּ פון אַ שנייוואָלקן — אַ געפרוירענער פעלדז,
און טראַכט פון אַ מלאך אויף יעקבס לייטער
וואָס טראָגט פאַר מיר אַ מתנה — אַ סיבירער פעלץ...

1984

אין זוניקן חלום

אין זוניקן חלום
פון מײַן געלעגער ווערט אַ שפּיגל.
באָבעס און זיידעס
שלאָפן מיט מיר שעהען,
ווי בינטלעך מעת־לעתן
אויף אַ בוים מיט אַ וויגל.

פידלען
מיט נאָטן פון צווײַגן
שפּילן אַ ניגון.
אויף אַ באָטשאַנס פליגל
בערג כ׳טו מײַדן
בעת שאָטנס זייערע
וואָלקנס צעוויגן.

געבענטשט איז די נאַכטיקייט
מיט אַ שטערן־פּנים:
כמאַרעס
פון דער לבנה זיך שיידן.
אויפן הימל
פלינק טוט שווימען
צו טירן און טויערן
אַ נײַער גן־עדן.

1987

צופיל מיטאַמאָל

צופיל מיטאַמאָל
האָט גאָט אים געשיקט
גאַסן און וועגן פאַרדעקן.
— ווער האָט פאַרלוירן
די וואָג און די שאָל,
די פּיכיקע זעט
ביז וואַרגן זאָל שרעקן ?

שוין דעם צווייטן מעת־לעת
ווי דער שאַרפער ווינט ביז פּלאַצן
יעדן ווינקל האָט אָנגעזויגן.
כ׳וואַרט אויף אַ נס —
די זאַווערוכע אין שטאָט
נאָר פאַרן ים זאָל טויגן...

דער ווײַסער בער
האָט פאַרשפאַרט מײַן טיר —
ווי מיט לאַפּישע נעגל זי געריסן.
דורכן צעעפנטן פענצטער
כ׳בין געקראָכן אויף אַלע פיר,
געקומען מיטן רידל אים באַגריסן.

איך ווייס אַז בײַם שוועל
פאַראַן זענען טרעפּ,
מיט שווייס כ׳האָב זיי ענדלעך געפונען.
מיטן רידל איך וועל,
מיט שניי אין אַ געוועט,
נישט וואַרטן ביז ר׳וועט ווערן צערינען.

1979

מײַן שאָטן פרירט אויפן וועג

ס׳ווערט שיטערער דער וואַלד.
די פאַרבליבענע ביימער צײלן די טעג.
מיר ווערט קאַלט, קאַלט, קאַלט —
מײַן שאָטן פרירט אויפן וועג.

ס׳האָט געלויכטן דער זומער דאָ,
געקומען דער ווינטער,
אין שנײער זיך צעחלומט דער אַקער.
די ביימער —
אפשר וועט זײַן געזינטער ניט צו דערמאָנען, —
וואָס זענען אַוועק אין פלאַקער.

ווי לאַנג קאָן בלײַבן די נעסט אין אַ וואַלד
ווו ס׳וואַקסן מער ניט קיין יונגע ביימער?
פון יעדן שטאָם אַ ווײַטער שאָטן פאַלט:
„מיר האָבן געזייט שטיינער" — — —

1968

פאַרלוירן דעם וועג

מײַן לערנען אין חדר חומש מיט רש״י
פאַרביטן כ׳האָב דעמלט אויף נאָדל און פינגערהוט.
פון נויט־יאָרן אין שטעטל די אַלטע קשיא:
וויפל תורה דאַרף האָבן אַ גלײַכע נאָט? — — —

אין פריצישע פעלצן און אַלעפּאַגענע כאַלאַטן,
מײַן דרײַצנטער פרילינג אָן בליִונג פאַרגייט — — —
עס טעמט נאָך מײַן גומען פון ערשטן מאַלצײַט זאַטן
בײַ דוד־בער דעם שנײַדער, מיט די פּאָלקישע רייד.

מעשיות פון קאָלומבוסעס מדינה,
פון וואַנען מיט אָפּגעשפּאָרטע סענטן געקומען ר׳איז אַהיים,
בײַם סטריגעווען געזונגען וועגן דער „גרינע קוזינע״,
און דעם סוף פונעם ליד מיר געגעבן צו פאַרשטיין.

מיט ווערטער אויסגעמשלט מיר דאָס אויסזען פון זײַן געדונגען בעטל
אין דער מויער אויף העסטער סטריט, אויפן פינפטן גאָרן.
כדי דאָס ווײַב מיט די קינדער זאָלן ניט בעטלען אין שטעטל —
פון די אָרעמע מאָלצײַטן אַ ביסן געטאָן שפּאָרן.

אינעם קוילן־פּרעסל זײַן בלאָזן כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
פאַרקײַכט זיך פון הוסט און געאָטעמט שווער;
פון קאָלומבוסעס מדינה און ס׳שוויצן דאָרט בײַם פּרעסן —
ר׳האָט פאַרפרעסט אין יעדער נאָט מער ווי איין טרער.

אָ, געדענק איך דעם יונגן זקן — קוים פופציק יאָר אַלט, —
בײַם טײַטשן אַ פסוק פאַרטיפן זיך פון זײַן פנים די קאַרבן.
אין די שעפער בײַ די פרעס־טישן פאַרלוירן ס׳געשטאַלט,
דאָס פרעס־אײַזן האָט זײַן פנים געדרעשט ווי זאַנגען, גאַרבן.

זוך איך יענע אוצרות, זוך די טיפע קוואַלן,
וואָס מיט דורותדיקע וואָרצלען מײַן שנײַדער־ליד צעגרינען.
כאָטש פאַרשטעלט ס׳איז הײַנט פאַר מיר די פעדעם־שטראַלן
בעת פאַרלוירן כ׳האָב דעם וועג צו די נײַמאַשינען...

1953

צווישן בערג

צווישן בערג מיט פֿאַרריסענע קעפּ,
מיר לאָזן איבער טיפֿע סימנים
אויף די מאָכיקע שטיינטרעפּ.
דער וואַסערפֿאַל־ניגון
— ווי פֿון פֿידלען און פֿלייטן —
דעם לויטערן שטראָם באַגלייטן.

די נאַכט איז יונג,
עס ווערן געבוירן די שטערן.
אונדזערע שאָטנס קלעטערן אויף אַ בוים;
פֿוכקע וואָלקנדלעך גליטשן זיך פֿלינק,
דערמאָנען אין כוואַליקן שוים
בײַם טאָל, ווו די לבנה גייט ווערן געבוירן.

די ערשטע געבוירענע לבנה — אַן אויער פֿאַרשפּיצט
וואָס וויל אונדזער סוד דערהערן.
דאַכט זיך: אין די טיפֿע בערג־שפּאַלטן
האָט גאָט דעם שליסל באַהאַלטן
פֿון יעדן הימל־טויער
ווו ס׳וואַכן די שטערן.

שפּאַנען מיר אויף שליאַכן
וואָס גאַרטלען דעם אַלטן וואַלד
ווי אַ צעבראָכענער ראָד...
אויף דרימלדיקע צווײַגן
די פֿייגל פֿון נעסטן מיר צעוואַכן
ווי זײַן זיי וואָלטן געסט אונדזערע אין שטאָט.

1967

נעכטן און הײַנט

א.

וואָס עס בלאַנקט דאָ פאַר די אויגן,
נישט לײַכט מיר איז צו גלייבן:
מיטן סיבירער אָטעם אין ניו יאָרק,
געטאָן נעכטן זיך שיידן.
און הײַנט,
אין באָקאַ ראַטאָן,
אינעם פלאָרידאַ שטעטל
עטלעכע מײַל פון ים
מײַן האַלב־נאַקעטער גוף —
גליט פון דער זון.

ליב איז מיר דער כוואַליקער טעם
וואָס וויגט מיך ווײַט פון ברעג
און אַ דערפרישטער —
איך שווים צוריק.
פאַר מײַנע אויגן די ווײַט,
מיט אַ הונגעריקן בליק;
די שיפן איך באַגלייט;
און די פוכיק־ווײַסע וואָלקנדלער,
ווי איינער דעם צווייטן
וואָלט וועלן אַריבעריאָגן
אינעם זומער־גן־עדן.

ב.

עטלעכע שפּאַן פונעם הויז
אַרום דעם רונדן וואַסער־שפּיגל
מיט גאָלדענע פעדעם —
דינע קאַרבן ס׳ווינטל האַלט אין וויגן —

די שורה יונגע הײַזלער,
ווי אין העמדער פון שניי
דאַכט זיך, זיי באָדן זיך
אין די הייסע שטראַלן.

ג.

די הייסע גראָזן — גרינע טעפּיכער
קושן מײַנע פּיספּינגער.

דער ניגון פון די פייגל־כאָרן —
אַ פידל־אָרקעסטער.

דער ליכטיקער הימל —
אַ ים בלאָקייט אויסגעטרונקען.
איך בלייב שטיין און שטוין —
גלייב נישט וואָס כ׳זע דאָס ערשטע מאָל:
מיט מאַראַנצן און ציטרינען
די צווײַגן זענען פול
אויפן זעלבן בוים?!..

ד.

פון בלעטער אויף די פּאַלמען־צווײַגן
ווי געפלאָכטענע צעפּ
די דינע סטענגעס קוים זיך וויגן:
צעוועקן אויף מײַן פּנים דעם שאָטן —
פונעם לײַכטן דרימל.

1983

אין סאָד

אין סאָד מיט באַזונטע ביימער
רו איך אין שאָטן פון שטאַמען —
אויב ס׳זוכט ווער אַ גוטן שומר
מעג ער מײַן נאָמען דערמאָנען.

אים וועל איך קומען אַנטקעגן
אים העלפן די לאַסט צו טראָגן
כ׳וועל ניט מאָנען בײַ אים און ניט פרעגן —
כ׳וועל שוין וויסן וואָס מיר פאַרמאָגן.

1982

כ׳וועל דאַנקען

אין מײַן גאָרטן
מיט פרוכטביימער מיט צוויי,
נאָך אַ קאַרשנביימל געפלאַנצט
מיט צווײַגלעך ווי סטרונעס
וואָס אָרקעסטערס צעוויגן.
פאַר מײַנע אויגן — אַ שפּיגעלע
מיט אַ זוניק פּנים.
ס׳פייגעלע
צום ערשטן מאָל געזען —
דרימלדיקע בלעטלעך עס צעוועקט
מיט אַ צעפּאָכעט פליגעלע.

ווי אַן אוצר, אַן איידלשטיין,
ס׳קאַרשנביימל כ׳וועל היטן
בעת אָנהייבן ס׳וועט בליִען,
ווי די בלומענבייטן
פון וואַנען כ׳פאַרטרײַב ניט די בינען
וואָס קומען אויף זיי רײַטן.

אַ זאַפטיקן קאַרש בײַם פאַרזוכן,
מיט פרייד וועל איך מאַכן אַ ברכה:
אויף אַ שטראַליקן דרך כ׳וועל אײַלן
מיט דער טיפקייט פון האַרץ — — —
צו דאַנקען גאָט
פאַר בענטשן מײַן גאָרטן
מיט פרוכט — מיט הצלחה!

1985

בײַם שפּיגל

אַ וואָרט, אַ נאָמען,
איר הייסער אָטעם צעגליט, צעזאָטן,
בערג אויף די פּלייצעס — טאָלן פֿאַרשאָטן.

זעלטן איך שפּאַן
אויף שליאַכן אויסגעטראָטענע,
מיך רייצט אַ שטורעם מיט דונערקראַכן.

בײַם האָפֿן די קראַנקע שיף
ווייסט צו דערציילן,
אַז דער ים איז טיף.

שפּעט די שעה —
די וואָלקנס האָבן אויסגעטרונקען
די לעצטע שטערן.
כ'וואָלט אפֿשר געפֿונען אַ ביסל רו,
ווען דער זייגער וואָלט איצט ניט ווערן.

אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿליגעלע
קושט מײַן שויב —
אַ שורה נאָטן פֿון אַ ניגון.
ס'וואָרקעט אויפֿן דאַך די ווײַסע טויב,
גלעט מײַן אויער
און פּרוּווט מיך וויגן.

אין מײַן גאָרטן פּערלט דער טוי
אויף די בייטן מיט יונגינקע בלומען.
איך בין דורך דער נאַכט געוואָרן גרוי
כ'זע דאָס אין שפּיגל אין שטומען.

1967

פון האַרצן דער ניגון

א

איך ווייס נישט ווו דעם אוצר פון אַ ניגון
ליַיכט איז צו געפינען,
ווער געבענטשט ס׳איז מיט זיגן —
איז זוניק אים דער באַגינען.

שירה פון באַשמטע פּאָעטן
ליַיכטן מיר תּמיד פאַר די אויגן;
מיַין הונגער מיט זעט זיי זעטן —
זאַנגען רייפע אויף די בויגנס.

אין מיַין גאָרטן — פון פייגל דער ניגון,
אַזאַ כאַר איז זיס מיר צו הערן;
די צוויַיגן פון בוים די בלעטער פאַרוויגן,
נאָך איידער געבוירן ווערן שטערן.

פון ווינטן און שטורעמס
וואָלקנס אויף טורעמס נעמען קראַכן.
די בליצן רעדן מיט די דונערס
אויף הימלישע אַלערליי שפּראַכן.

דער צויבער פון רעגנבויגן וואָס אַ מאָלער האָט געמאָלן
אויפן הימל ער ליגט איצט באַהאַלטן;
צווישן בערג און טאָלן שטערן זיך נייגן
פאַר פנימער — לבנה־געשטאַלטן.

און די נאַכטיקייט קומט אָן
אויף הימלקראַצערס דעבער
דער טאָג, אַ מידער, גייט שלאָפן,

דעם זייגערס ווײַזערס — ווי אויגן אָפן,
היטן די מינוטן, די שעהען.

ב

אַ ליד ווערט געבוירן פון פרייד און פון צער;
פון אויוונס די פונקען, פון קוילן דער זשאַר.

פון לאָנקעס די גראָזן מיט טוי אָנגעזויגן
פון טרויער די טרערן — נאָדלען אין די אויגן.

פון ימיקע כוואַליעס אָן אַ רגע פון רו
הונגעריקע מעוועס אַרום שיפן פאַלן צו.

פון אָדלערישע פליגל אין די הייכן אין בחירה,
מיט ריטעם פון ווערטער, מיט גלעקער פון שירה.

די טירן און טויערן אָן שלעסער, אָן ריגלען;
דער ניגון פון לידער — אַרײַן אין די שפּיגלען.

און אַז אַ ליד ווערט געבוירן
און פון האַרצן איז דער ניגון,
איז יעדער אות פול שטורעם
וואָס אויף וואָלקנס זיך וויגן.

1984

דאָס וואָרט

פֿאַראַן אַ קלאָר אָרט, וואָס
ליכטיקט ווי שטערן
ס׳איז געבענטשט מיט אַ וואָרט —
ווונדן צו פֿאַרהיילן:
פֿון אַלע מאַרטירער
דאָס בלוט און די טרערן
אין אַ וואַרעם האַרץ דאָס וואָרט
האָט וואָס צו דערציילן.

אויף ליפּן דאָס געבענטשטע וואָרט
טעמיקער ווײַן,
מחיהדיק פּילן,
ווער ס׳איז געבענטשט צו פֿאַרשטיין
קאָן דעם מדברדורשט
אין האַרץ שטילן.

רעגנבויגן און דונערקנאַלן
פֿון הימלישן טויערס שויס
דאָס וואָרט — זוניקע שטראַלן —
פֿון גן־עדן קומט אַרויס.

ווּ פֿאַראַן איז דאָס זוניקע אָרט,
מײַליקע וועגן צעליכטיקן די אויגן: —
דאָס וואָרט.

1986

טירן און טויערן

*

אַ ליד — איז נישט נאַקעט,
איז פון תּאווה צעפּלאַקערט,
מיט פּאָוועשע פליגל
אונטער אַ שטערן־חופּה —
דער לבֿנהס פּנים.

פון גאָט געבענטשט איז אַ ליד.
עס צעליכטיקט די אויגן;
עס קומט פון טיפן תּהומיקע —
דור־דורותדיקע קוואַלן.

אַ ליד איז
קלאָרקייט פון וואָרט,
פון שטראַלן געקנאָטן
אויפן הימלישן ים
ווו וואָלקנס שווימען
מיט תּפילות.

1985

דערנער אויפֿן טעפּיך

איר אַנדערשקייט האָט גערעגט
אירע קאַפּריזן — שטויסנדיקע הערנער.

אויפֿן פֿוכיקן טעפּיך
מײַנע באָרוועסע פֿיס
ווי אויף מידבר־דערנער.
אַ פֿראַגעצייכן אין אַ מאָנענדיקן בליק
ווי אַ שטיין פֿון אַ שטורעם געשמיסן.
דער יאָ־און־ניין
אויף דער וואַגשאָל — צעריסן.

שאָטנס קריכן אויף די ווענט.
אין צימער
ווייכע טענער פֿון מאָצאַרטס מוזיק.
ווער ס׳וועט זאָגן:
„ראָמאַנטיק
מיט פֿאַרחלומטע אויגן"
וועל איך ענטפֿערן:
— „נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן".

1966

צעפּאָכען די אָרעמס

כוואַליעס שפּרינגען איבער כוואַליעס,
מיט ימיקן צאָרן זיי יאָגן,
ווײַט פון ברעגן אויף שפּיציקע סקאַלעס,
אין שווימען זיי ווערן צעשלאָגן.

ווינטן — צעמעסערטע שטורעמס —
פון שלײַפערס געשליפן.
ענדלאָז צעפּאָכען די אָרעמס
און ווירבלען די וואָלקנס און טיפן.

1985

*

דעם זייגערס האַרץ
באַגריסט דעם פרימאָרגן.
די ווײַזערס
— ווי פינגער צאַרטע, —
מישן די פאַרשריבענע בויגנס
מיט ניגונים
פון שטערן צעשאָטן.

זײַ געבענטשט, ליבער גאַסט!
ליכטיקער שפּראָץ אויף מײַן שויב.

מײַן לאָמפּ ווערט פאַרבלאַסט
און איך זינג דיר אַ לויב.

1981

די קרוין

אויפן טשוב פון בוים
ס׳בערגעלע שניי —
אַ ווײַסע קרוין
מיט זון־בליאַסק
ביזן זוים.

פון די צווײַגן־הענט
מיט דאַרע פינגער
פון פראָסט פאַרקלעמט,
די אײַז־ליכטלער
מײַן גאָרטן באַצירן
מיטן שימער
פון שטראַלן צעקעמט.

1980

פרייד צו הערן

דער סוף ווינטער
אַוועק מיטן ווינט,
וואָס זײַן שאַרפער אָטעם
האָט געוואָרגן
די שטאָט איז שוין אָצינד
מיט אַ ניגון פון נאָטן,
וואָס פּראָסטיקע וואָכן
אין שנייִ פאַרקנאָטן.

פון טומאַן די טורעמס
מער די קעפּ נישט פאַרלוירן;
נישט פאַרטונקלט
די גאַסן און סקווערן.
פון ווײַזערס די שעהען
ווי מעת־לעתן דויערן,
אַ קול פון פרילינג —
מיט פרייד צו הערן.

1985

מײַיק

צו דניאלן — מײַן ייִנגעלע

צו דער לאַנגער, שוואַרצער נאַכט
אַ סוף איז הײַנט געקומען:
די זון האָט מײַיק זיך צעלאַכט
און די ערד אַרומגענומען.

איך האָב מײַן גערטנדל פריש צעאַקערט
און בלומען־בייטן שוין פאַרזייט.
דעם טויבן־שלאַק, עס האָט מײַן ייִנגעלע ווי פלאַקער
מיט רויטער פאַרב באַקליידט.

אין בוידעם־שטיבל האָב איך אַרײַנגעשטעלט שויבן
און נײַע ראַדיאָ־דראָטן פאַרצויגן אויפן דאַך.
איצט לערן איך מײַן ייִנגעלע פײַפן צו די טויבן
וואָס רעדן, דערציילן פון שטורעמס אַ סך...

1954

דאָס ליד פון ערשטן מײַ

הער, מײַן ייִנגעלע, דאָס ליד פון ערשטן מײַ:
מיר זענען ווי בלומען, וואָס בליִען אויפסנײַ.
די גאָלדענע פעדים פון דער זון אויף די שויבן,
דער האָניק פון בינען און די ליבע פון טויבן;
דער טוי אויף גראָז, ווי פּערל צעשאָטן פונעם שנירל —
דער סאָד מיט קאַרשן־ביימער, אָן אַ שלאָס אויפן טירל.

מיר זענען ווי שטערן אויפן הימל — מיליאָנען פּאָר אויגן,
די וואָלקנס, ווי בערג הויכע, מיט זילבער באַצויגן.

מיר זענען ווי כוואַליעס פון ים, וואָס טראָגן די שיפן,
דאָס גאָלד און דאָס זילבער, וואָס מ׳גראָבט פון די טיפן,
דאָס ברויט און דאָס זאַלץ און די מילער אין קריגל,
דער מאַמעס אַ וויג־ליד, בײַם קינדערשן וויגל;
דער ווינט, וואָס זאָגט־אָן: אַ סוף צו די שנייען! —
צו פרילינג־ווינטן, וואָס אָטעמען מיט מײַען.

1950

אויף גאָלדענער וואָג

מיר איז קלאָר פאַר די אויגן:
דער יונגגעבוירענער זומער
די וווּנדן פון פראָסט וועט פאַרהיילן.
אַ זוניקער טאָג — אַ שלײַפער אַ געניטער,
שווין אָן אַ שיִעור דימענטן געשליפן.
פליגלען אויפן הימל — וואָלקנס ווי שיפן
און אויף גאָלדענער וואָג —
בערג פון מײַלן.

נאָכן קלאָרן ניגון פון רעגן
אַ דונער האָט די נאַכטיקייט פאַרטריבן:
בלישטשענדיקע טראָפּנס
אויף די געצוואָגענע שויבן
האָבן געוועבט אַ באַגינען
און פון שלאָף מיך צעוועקט.
אויפן טישל בײַם זייגער
פון שאָטנס איז קיין סימן געבליבן: —
אויפן ציפערבלאַט פּנים די ליכטיקע ווײַזערס
די רגעס פון שאָטן פאַרמעקן.

דעם אָטעם פון מײַיִקן ווינט
אַ צאַרטער שטראָם פערל באַגלייט,
קעמט די קעפּ פון די ביימער
מיט אַ ניגון אַ ייִדישן־שטילן.
אין אַ העמד פון נעפּל־זײַד
איז מײַן גאָרטן אײַנגעהילט.
די טויִקע בלעטער אויף צווײַגן זיך וויגן:
פאַר זיי האָב איך די ווערטער

אין מײַן ליד פאַרשריבן.

1983

איר קול

כ׳האָב געהערט איר קול
דורכן טעלעפאָן, —
אין אַ וואָלקן אַרײַן איז די זון.

וואָס יאָרן געווען איז פאַרהוילן,
איז פּלוצים געוואָרן אַנטבלויזט,
אַ וואָרט —
אַ פֿײַל פֿון אַ בייזער צונג,
איז שאַרפֿער ווי די שאַרף פֿון אַ מעסער.

נאָר צעריסענע קייטן
באַפֿרײַען נישט תּמיד פֿון צו זײַן געשמידט;
איז דערהערנדיק דאָס קול —
ווי אין האַרץ אַ שניט.

אָט זע איך אַ שאָטן
אויף דער וואַנט פֿון מײַן צימער.
אין וועמען איז ער געראָטן?
אינעם שווײַגער?
אינעם שטומער?

אין אַ שעה אַזאַ
אָן אַ רגע רו
בלאָנדזשעט אום מײַן גורל
ערגעץ וווּ.

1981

שורות

פון די צעווייקטע וואָלקנס,
אָפענע שלוזן,
די פאַרם־שטיבלעך און ביימער
ווי פון וואַסערפאַלן צעצוואָגן.

נאָכן רעגן
שוואַנגערט דער טײַך
מיט שקיעה אָנגעזויגן.
ער שווימט צום ברעג,
קושט די מאָכיקע שטיינער
און עס שלינגען די פיש
די ברעקלעך פון רעגנבויגן.

אויפן קרוינלאָזן הימל
וויגן זיך ימיקע כוואַליעס.
אַ גרוילעכער וואָלקן, ווי אַ קעמעל־קאַראַוואַן,
בײַם הימלראַנד ווערט אַנטרונען.

נידעריקער און שמעלער
ווערן די אַרומיקע באַרגשפּיצן;
פון די פאַרלאָשענע פעדעם־שטראַלן,
זיי וועבן אַ נאַכטיק העמד.

און איך, אַ פאַרגאַפטער,
ביז צו די טרעפּ פון שטיבל
ווי אין אַ שלאָפלאָזן חלום צוגעשמידט.
אַ ווינטל אויף מײַנע ליפּן
שרייבט שורות פאַר אַ ליד.

1981

ווײַט פֿון שטאָט

כ׳האָב ליב צו שפּאַנען אויף די שמאָלע שליאַכן,
וואָס גאַרטלען אַרום דעם וואַלד:
הערן די צווײַגן אויף אַלערלײ שפּראַכן
ווען אַ ווינט די ביימער באַפֿאַלט.

דער זוניקער בליאַסק שנײַדט מײַנע אויגן,
טראָפּנס שווייס באַדעקן מײַן האַלדז:
שוין לאַנג זיך געזעגנט מיטן רעגנבויגן
ווו עס טײַען די בערג ווי זאַלץ.

עס דערוואַכן אין מיר חושים,
אַ ווײַלע כ׳בלײַב שטיין דאָ פֿאַרגאַפֿט —
יעדן שפּאַן ערד כ׳בין גרייט צו קושן
פֿאַר דעם ביסל רו וואָס זיי האָבן מיר געבראַכט.

1966

נישט זעלטן

פאַר מײַן זון דניאל

ס׳טרעפט:
אין מינוטן איז גרינג דעם טאָג צו וועגן;
נישט זעלטן, כ׳שלעפּ דורך אַ טריבן טאָג.
נאָר נישט כּדאי בײַ גאָט קיין שאלות צו פרעגן —
אַזאַ חשבון וועגט מען נישט אויף קיין וואָג.

איך פּרוּוו אַנטלויפן פונעם רעש, נאָענטן און ווײַטן,
ווען כ׳בין געפאַנגען אין זײַן פּלען,
און ווי געשמידט אין קייטן,
כ׳וויל הײַנט דעם מאָרגן זען.

איך גאַר נאָך שטילקייט, ווי טרוקן פעלד נאָך רעגן־גאָס.
דעם זייגער־גאַנג נישט היטן, נישט מעסטן,
כ׳וועל פרעגן בײַ די זיידעס
„פאַרוואָס
אונדזערע פייגל אַנטלויפן פון די נעסטן״ ?..

1970

צווישן יאָ און ניין

כ׳ווייס וואָס איר אַנטרינען באַטײַט,
כ׳בלײַב אין הויז אַ געשמידטער:
אויף מײַן צונג די פאַרזיגלטע רייד —
אַ כּישוף־צוים, אַ צעגליטער.

אין טאָג וואָס ז׳ט קומען צוגיין
פילאָזאָפיש וועט זי נאָכאַמאָל זאָגן:
„ווער עס קריגט ניט קיין וואַסער פון אַ שטיין,
זאָל דעם שטיין צום ברונעם טראָגן!

אַ שטערן וואָס פאַרלאָזט די שטערנוועלט,
פאַריתומט די הימלישע פּלאַנעטן:
דעם שטערנדיקן בליאַסק וואָס צעפּאַלט —
ווער וועט צו אַ סעודה פאַרבעטן?"

איין טענה די צווייטע פאַרשלינגט:
טענות קאָנען אַ גיבור דערשלאָגן.
כ׳פּיל דעם חשבון — ער הינקט —
זאָל איך דעם סך־הכּל באַקלאָגן?

צווישן יאָ און ניין שטאַרבט מײַן צווייפל,
שנעלער ווי אַ סעקונדע ווערט ער געבוירן:
כ׳האָב געפּרוּווט דערגרונטן דעם שׂכל
און שיר־ניט דעם קאָפּ פאַרלוירן!...

1966

אַ גרוס

צווישן די מאַכיקע שפּאַרעס
די שלענגלדיקע ריטשקעס
שעפּטשען סודותדיק,
גלעטן די גראָזן.
גאָלדקאָליר בלימעלעך
ציטערן בײַם וואַסערפֿאַל
פֿון ווינטל צעבלאָזן.

דער גרינער גלאַנץ דאָ —
אַ שפּיגל פֿאַר מײַנע אויגן.
הייסע זונפֿעדעם
האַלטן מיך אַרומגענומען.
דער קוואַל פֿונעם באַרג
האָט ס׳טײַכל געבוירן
ווי שטילן מײַן דורשט
כ׳בין אַ שטילער געקומען.

אינעם גרינעם טאָל
ווײַט פֿונעם פֿאַרמשטיבל,
ווי אדם כ׳שפּאַציר אַרום.
די שמאָלסטע סטעזשקעס
כ׳טו ניט מײַדן;
בין דאָ ניט אַליין,
מאָרגן —
פֿאַר מײַנע נאָענטע אין שטאָט
וועל איך ברענגען אַ גרוס —
פֿון צוויי וואָכן אין גן־עדן...

1984

אַ נאַכטיק פּנים

אין דער שטיקעניש, דער חמימה,
זענען פֿאַרשוווּנדן פֿון מײַנע אויגן
די אַרומיקע בערג,
און ס׳דרימלדיקע פֿאַרמשטיבל
איז נידעריקער געוואָרן.
דער אַלטער הונט, מיט געקרויזטער שעפּסן־פּעל,
ליגט אויסגעצויגן בײַם שוועל,
אויף אונדז, די שטאָטישע געסט,
ער פֿוילט זיך אַ בליק אָפּצושפּאָרן...

אין געדיכטן וואַלד
שווײַגן סודותדיק די בײַמער,
ווי זייערע צווײַגן וואָלטן פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם
פֿאַר די סימנים פֿון שטורעם
וואָס אָט־אָט קומט ער אָן.
נידעריקע וואָלקנס קנוילן זיך
זוכן אויף די וועגן אַ רפֿואה,
ווי הערצער, צעקלעמטע אין יסורים.

אין דער נאָכמיטאָג־שעה
בעת עס שלאָפֿן נאָך די לבנה און די שטערן
האָט דעם טאָג פֿאַרשלייערט אַ נאַכטיק פּנים.
אין טײַך, דעם שמאָלן, קלאָרן,
מיר וועלן שוין ניט שווימען, זיך באָדן,
שווײַגנדיק אַהיים מיר פֿאָרן,
און די דונערס צעוועקן ניט
מײַן געמיט דאָס שווערע...

1984

אויב די זון

די קעפּ פון די בערג
מיט קרוינען גאָלדענע,
ווי פון זוניקן האַרץ —
צעגליטע שטראָמען,
און איבער זיי
שווימען די וואָלקנס
ווי זײַן זיי וואָלטן פלאַמען.

ביימער פאַרגאָרטלען
ס'פאַרמשטיבל און דעם שײַער;
שאָטנס ווערן געבוירן.
די זון, בײַם האָריזאָנט
— אַ האַלבער ראָד —
זינקט בלוטיק־צעשפּאָלטן.

אויב די זון איז די זעלבע
וואָס כ'זע איצט אין שטאָט,
האָבן די הימלקראַצערס די שקיעה
פאַר מײַנע אויגן באַהאַלטן.

1965

אַ בליץ האָט געשריבן

פאַרוואָס האָט דער הימל אַזוי מוראָדיק געמבולט?
האָט די ערד זיך ווידער פאַרדינט אַ שטראָף?
די דונערן האָבן די הימלישע טויערן צעשלאָגן.
אַלע אַטאָמען צעוועקן פון שלאָף? —

ביַי מיַין הויז האָט אַ דונער אַ בוים צעשפּאָלטן:
דער שטראָם צעטראָגט די געשפּאָלטענע טיילן;
אַלע ווינטן מיטן שטורעם געוואָלטן —
מיַין דאַך געריסן מיט חורבנדיק איַילן.

די וואָלקנס — חושך, ווי אָנגעפּוישטע מיט טינט.
אויפן הימל האָט אַ בליץ געשריבן:
די לבנה וועט ווערן בלינד
פונעם אַטאָם־סם וואָס אויף איר פּנים פאַרבליבן.

וועט די לבנה טראָגן שוואַרצע ברילן?
(ווי אין מיַין גאַס, דער בלינדער מיטן שטעקן?)
ווער דאַרף די **ספּוטניקס** זאָלן טרעפן אין צילן
און ס׳פּנים פון דער לבנה מיט חושך פאַרדעקן?!..

1964

בײַם פענצטער

מיר ווערט אומעטיק בײַ נאַכט,
ווען די וואָלקנס פאַרדעקן די שטערן.
דער בליץ וואָס האָט מיטן דונער געלאַכט
פאַררעגנט מײַנע פענצטער מיט וואָלקן־טרערן.

די ביימער אין מײַן גאָרטן וויגן זיך הין־און־צוריק.
פון רעגן איז געוואָרן אַ מבול.
איך האָב ליב צו הערן צווײַגן־מוזיק
נישט דעם שטורעם דיריגירט פון מחבל.

ס׳ברעכן זיך די שינדלען פון מײַן דאַך,
דער זייגער אויף דער וואַנט האָט די רויִקייט פאַרלוירן:
— האָט גאָט געשאָנקען דעם שטורעם די שפּראַך
פון די בראשית׳דיקע כוואַליעס ימים געבוירן?

1958

אויב באַשערט אַמאָל

דרײַ טעג שוין ווי די חמימה וואַרגט די שטאָט,
ווי דער הימל וואָלט געני־דערט אין פלאַמען.
הײַנט שרעקט ווידער ס׳פּנים פון פײַער־ראָד
וואָס קאָן פאַרטונקלען דעם פּיסק פון גיהנום.

בײַ גאָט וועל איך קיין קשיות נישט פרעגן,
פאַרוואָס די וואָלקנס זענען טרוקענער ווי ביינער...
נישט נאָר איך בענק און גאַר אויף אַ רעגן,
אויך די שוועל, די צעגליטע, די טרעפּ און די שטיינער.

מײַן פאַרחלשטן גאָרטן איך קאַרג נישט צו שפּריצן,
דערמונטערן די גראָזן און די גוססדיקע בלומען.
דעם עפּלבוים כ׳בין הילפלאָז צו שיצן —
ער האָט פּלוצים פאַרלוירן זײַן גרין פּנים.

ווו זענען די ווינטן, די דונערס און די בליצן ?
אפשר אין גן־עדן האָט גאָט זיי פאַרשלאָסן ?
אויב באַשערט מיר אַמאָל אַ מינוט נאָר דאָרט זיצן —
דערציילן כ׳וועל פון שווייס וואָס כ׳האָב דאָ פאַרגאָסן...

1980

דער גורל פון דער נאַכט

פון קוימענס שוואַרצער רויך
אַ פונקען־קויל פליט אַרויס:
— אויף וואָגשאָל,
דער גורל פון דער נאַכט
אויף קוליעס קומט,
ווי די שיפן וואָלטן געוווּסט
יעדן זעלנערס נאָמען.

ביים ברעג,
מיט טרעפ פון אַ מאָך־געוועב,
יעדער כוואַליע לאַכט: —
„די שיף וועט ווייַט ניט שווימען."

ניט אומזיסט האָט מיך געשראָקן די נאַכט
מיט די נידעריקע וואָלקנס
ווי מיט אונדז אין זעק געלעגן.
אַ שיף וואָס מען שיקט אין שלאַכט
וועט דעם ים קיין שאלות ניט פרעגן...

1943

בײַם ברעג

דאָס האַלבע זוניקע ראָד,
וואָס גליט בײַם האָריזאָנט
זינקט אין תּהום־אָרעמס.
די ווײַסע צעוויגטע שיף מיט אַ נאָז,
ווי געשאַרפט פון אַ שלײַפער,
פּאַלמעסט די כוואַליעס.

אין וואַסער־קאָרבן דער אַרום,
די בלויקייט פון ים — אַ צעהוידעטע רייף,
אַ טעמע פאַר אַ מאַלערס אויג
און אַ דיכטערס האַרץ;
ערגעץ ווו ווערט הענגען אַ בילד.
רעגנבויגן־קאָלירן וועלן צעלײַכטן די וואַנט
און צווישן טאָוולען אַ ליד,
פאַרן לייענערס אויג —
שקיעה פײַער־שטראָמען,
ווי פון זונס האַרץ —
אָפענע קראַנען.

כ׳גאַף אויף אַ וואַלקנדל —
אַ ווײַסער בער־געשטאַלט
בײַם נאָכלויפן די שיף —
צעפאַלט.

די ערב־נאַכטיקייט פאַרטונקלט די בלויקייט
פון זאַמדיקן ברעג פון זון נאָך צעגליט —
דער ווינט ווערט פאַרמעקן די שפורן
פון מײַנע באָרוועסע טריט.

1984

כ׳וועל מיטנעמען די פולע זעט

איך קאָן זיך נישט זעטיקן מיטן ימיקן פּנים,
מיט די כוואַליעס וואָס הייבן צעשויבערט די קעפּ,
נאָענט צו זיי בין איך צוגעשווומען,
ווי זיך געגליטשט אויף די וויגנדיקע טרעפּ.

כ׳בין נישט בכּוח די טרעפּ דאָ צו ציילן,
וויַט צו דער שיף וואָס די מעוועס באַגלייטן.
אַ שאָד: מיַין ראיה גריַיכט נישט אויף וויַיטע מיַילן,
ווי פון מעוועס די פליגלען וואָס מעסטן די וויַיטן.

אויפן וואַסער טאַנצט דאָס גאָלדענע ראָד
פון דער זון — אויך זי איז געקומען זיך קילן,
כ׳בין אַנטלאָפן פון שטאָט וואָס זי האָט צעגליט,
ווי פון אַ ניַיעם גיהנום די חמימה נישט פילן.

זענען מיר ליב די כוואַליעס וואָס שטיַיגן און צערינען
און טויכן פון די גרונטן ווידער אַרויף,
אונטער די כוואַליעס ווי אַ באַרג פלינק אַראָפּגעשווומען
און פּאַמעלער זיך אַרויפגעשרויפט פונם קאַלטן טיַיך...

אויף רחבותדיקער פלאַזשע אַרום באַרג — און אַרענע
כ׳פּיל דעם ימיקן אָטעם, זיַין קילן פריַיך.
איך בין דאָ אַ גאַסט אין אַ גן־עדן׳דיקער קאַבאַנע,
ווי פון דער וואָר אין אַ חלום קעניגריַיך.

ביַים פענצטער כ׳גאַף, ווי געקומען פון אַ וויַיטן פּלאַנעט
ווו פון אַ טראָפּן ים נישטאָ איז קיין סימן.
כ׳וועל מיטנעמען אַהיים די פולע זעט
וואָס וויַיט פון דער שטאָט ביַים ים מ׳קאָן געפינען.

1983

טירן און טויערן

אינעם גרויען באַגינען
מיט אָדערן פון נאַכט,
דער זומערטאָג איז געקומען
מיט אַ ווינטערדיק פנים.

פון שטראַלן ניטאָ קיין סימן;
גאָרנישט, גאָרנישט, ניט.
וואָלקנס זענען געקומען צושווימען,
דעם זומער־גורל באַדויערן.

נאָכן שטורעם צעגליטן
וואָס האָט געפּאַלמעסט די וואָקלנס,
פּאַסן פון זיי געשניטן,
ביים שוועל פון מיין הויז איך
האָב פון וואָלקנטאָלן צווישן בערג דערזען
אַרויסשווימען די קלאָרע לבנה
באַגלייט מיט שומרים —
ליכטיקע שטערן,
וואָס האָבן צעוועקט די יונגע נאַכט.

דער רעגן און דער האָגל
וואָס האָט געמזיקט די שויבן
פאַרשווינדן,
דער אָטעם האָט פאַרלוירן
אַ וואָרעם ווינטל,
די נאַכט האָט געבוירן
און געעפנט פאַרן זומער — —
טירן און טויערן.

1985

אויפן ברוגזן הימל

אויפן ברוגזן הימל
איז פונעם זוניקן פנים
קיין סימן נישטאָ,
קיין ליכטיקער טראָפּן
ניט געבליבן.

די טרויעריקע וואָלקנס —
באַרגיקע פעלדזן
מיט מגושמדיקע פּאַסן,
ווי צעשטאָכן פון די קופּאָלן
און געעפנט אין זיי די קראַנעון
פאַר די מבול־שטראָמען
וואָס דעטרינקען די גאַסן.

נאָר פּלוצעם
האָט דער יונגער טאָג
אויסגעטאָן ס׳אַלטע,
נאַכטיקע העמד:
מיליאָנען שויבן
האָבן געעפנט די אויגן
און צעבלישטשעט די ליכטשטראַלן
אויף די וועגן און ווענט.

מיטן שליסל בײַם שוועל,
ווי דערשראָקן פון די בליצן
כ׳גליווער באַ מײַן טיר
און ס׳דוכט מיר —
די דונערס לאַכן איצט פון מיר — — — —

1983

אינעם שטיבל

1.

צו פרי האָט ס'גאָלד פון דער זון
דעם קאָליר פאַרלוירן.
איך קוק אויפן קאַלענדאַר,
ער שוויַיגט פון מיַין באַדויערן
ווי אַ טויב שטומער.

עס שרעקט דער ימיקער צאָרן
וואָס גריזשעט דעם ברעג
מיט חיה'שע ציין.
כוואַליעס דערטרינקען די שפורן —
די סימנים פון די סוף־זומער־טעג.

וואָלקנס, ווי איַיזבערג שווימען,
אַנטלויפן פונעם חלפדיקן ווינט.
ווידער איז דער טאָג היַינט
ווי אַ גרויער באַגינען
מיט אויגן פון רעגן־טרערן בלינד.

2.

אויפן באַבוימטן באַרג,
מיט זיג־זאַגישע טרעפּ צום ים,
מיַין פאַריתומט זומער־שטיבל
איז ווי קלענער געוואָרן.

נאָענט צו די טרעפּ, — דער אַלטער בוים,
איז ווי אַ שירעם פֿאַרן דעכל.
אַ צווײַג גלעט דאָס פענצטער
און זאָגט מיר צו,
אַז ער וועט שיצן יעדע וואַנט
פון ווינטס רציחה
מיט אַ מאַמעדיקער האַנט.

נאָר מיר איז שווער
זיך פון דער פּלאַזשע צו שיידן,
ווו געזעטיקט מיך
ס׳האָט ניט נאָר די רו אַליין.
כ׳נעם אַרום זי וואַרעם מיט די אויגן
און געזעגן זיך מיט איר
און צו דער טיר כ׳לאָז זיך גיין.

אינעם שטיבל, אויף דער שוועל מיטן שליסל,
כ׳זע ווי ס׳קריכט מײַן שאָטן
צום פֿאַרהויכטן שפּיגל
און כ׳בלייב שטיין
ווי אַ מעווע אויף אַ שיפל
מיט אַ צעבראָכענעם פליגל.

1982

שטאָטישער מידבר

א

די טורעם־קאַסטנס פֿון ציגל, שטאָל און גראַניט,
דאַכט זיך זיי האַלטן דעם הימל אונטערגעשפּאַרט.
אָן אויפֿהער זיי שטייען דאָ צעגליט, —
ווי קוימענס פֿון אויוונס וואָס קוילן פֿאַרזשאַרען.

פּרי האָט די זון היינט מידבּרדיק געברענט,
אַ פֿלאָם — אַ צעגליטער פֿון צאָרן.
דער שאָטן צווישן ביימער ליגט ווי אין פֿענט —
די צווייגן האָבן די כּוחות פֿאַרלאָרן.

ניו־יאָרק פֿילט דעם טעם פֿון חמסינען,
ווי פֿון יהודה־מידבּר צעגאָסן און צעפּלאָסן,
כ'האָב מורא מײַן הויז וועט זיך צעפּלאַקערן ווי קין,
ווי פֿון הימל ס'וואָלט עמעץ נאַפֿט דאָ געגאָסן.

אין „דזשונגל" * די שעפּער פּרי מ'האָט פֿאַרמאַכט:
די גאַסן פֿון דער חמימה ווי אין פּריסעק געקנאָטן.
די אײַנגעזאַפּטע מידקייט אַהיים כ'האָב געבראַכט
פֿון שטאָט, וואָס איז גיהנומדיק צעבראָטן.

* „דזשונגל" — אַ בינטל גאַסן מיט שאַפּן.

ב

בײַנאַכט. דער הימל אין אַ העמד ווי אײַנגעטונקט אין טינט,
ציטערט מיט בליצן און דונערס.
אומזיסט מײַן זוכן אַ שטערנדל אין דער בלינדקייט,
אין דער שווילקייט פון שטיקנדיקן זומער.

עס פּישטשעט באַלד אַ רעגנדל אַ דינס,
טראָפּנס חלשן אויף אָנגעהייצטע שויבן,
אַ רחמנות אויף מײַן גערטנדל דאָס גרינע
וואָס יתומדיק פאַרוויקלט ווערט אין שטויבן.

אַ ווינטל כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף,
ווי אַ חולה מיט אַן אָטעם פון סוכאָטע.
ס'ווינטל טוט אַ קוש מײַן בוימס טשוב
און פּרעפּלט אַ ווידוי פון חרטה.

1986

עדות יעדער שפּאָן

אין די צאָל כמורנע טעג,
ווי פֿאַרלוירן די יאָדערן פֿון זומער,
געווען איז ווי אין קייטן מײַן געמיט.
אין חלום,
געזוכט כ׳האָב אַ טיר
פֿונעם גינגאָלדענעם צימער,
אויפֿוועקן מיט אַ ניגון
די זון
וואָס האָט שוין לאַנג ניט געגליט.

איבער די קעפּ פֿון די טורעמס
אַ שפּאַן צום הימל,
כ׳זע פֿיבערדיקע וואָלקנס
ווי אַנטלאָפֿענע פֿון תּפֿיסות אין סיביר.
בײַנאַכט, די לבֿנה אַן שטערן,
איז אַ וואָכע פֿון דרימל —
קוים געגאַן
אויף אַ קורצן שפּאַציר.

כ׳ווייס נישט צי די זון,
נאָך מיד פֿון רוען בײַם גן־עדן שוועל,
געשאָנקען האָט אַ בליק
אַ בלעטל פֿונעם קאַלענדאַר.
די לופֿט האָט ניט געדאַרפֿט
דערציילן פֿון איר גליִען;
אַן עדות יעדער שפּאַן
ווי געקנאָטן אין זשאַר
פֿון זוניקן פֿלאַם!

1985

אין אַ סוף־זומערטאָג

נאָכן שפּריַירעגן
האָבן די דונערס און בליצן
זיך געזעגנט מיטן זומער.

אַ קיל ווינטל איז געקומען
ווי אַ פויגל מיט שוואַכע פליגל
וואָס האָט קוים די נעסט געפונען.

דער סוף זומערטאָג — מיד,
ווי אַ גאַסט וואָס האָט דעם וועג פאַרלוירן.
די זון, וואָס האָט נעכטן
יעדן ווינקל צעגליט,
איז היַינט
הינטער טונקעלע וואָלקנס
פאַרשפּעטיקט געקומען
פון איר אייביקן וויַיטן וועג.

די לעצטע זון־אָדערן
האָבן זיך געזעגנט מיטן טאָג
די ערב־נאַכטיקייט גרייט זיך
אַ געלעגער אויף שויבן.
אויפן דאַך פון מיַין הויז —
אין שלאָף פאַרנורעט
זיצן מיַינע טויבן.

1983

סוף זומער

סוף זומער, —
אַז דער ווינט איז ניט בייז,
צעוויגט ער די בלעטער
ווי מיט מאַמעשע פינגער.
נאָר אויב ס'איז זײַן אָטעם צעהיצט, צערייצט,
טרײַבט ער מיט רציחה די בלעטער
און די צווײַגן ער בײַטשט.

די בלעטער, די אויסגעקוואַרטע,
וואַרפן זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד,
ווי געררירטע פון זינען.
די נאַקעטע צווײַגן, ווי הענט צום הימל,
הייבן זיך מיט אַ תּפילה צו די הייכן: —
גאָט, זאָל פאַר יעדן בלעטל
אַ נײַע היים כאָטש געפינען.

סוף זומער. —
דער לות איז אָן עדות.
די ביימער וואָס שטייען פאַרקלעמט
זייערע הערצער וועלן קיינמאָל ניט פרירן.
עס וואַרט פאַר זיי אַ שניי־העמד.
דאָס העמד וועט זיי וואַרעמען —
און זיי וועלן פרילינג ווידער דערוואַכן,
גרינען און בליִען אויף דאָס נײַ.

בין איך מקנא די ביימער,
וואָס האָבן ניט פון אַלטקייט קיין שפורן.
ניט איך בין אַזוי געבענטשט מיט אַזאַ גורל —
שוין יאָרן...

1978

אַ לאָמפּ אָן אַ קנויט

דער סוף־זומערטאָג איז אָנגעטאָן
אין אַ טונקל העמד:
צווישן די הימלישע בערג און טאָלן
פּליִען די וואָלקנס
ווי צעפּיבערטע פון שרעק.
גרייט איז דער ווינט
בערג מיט שטיינער פאַרטראָגן,
פאַר די ימיקע כוואַליעס —
אַ סימן ניט לאָזן פון ברעג.

שוין דעם צווייטן טאָג
די זון האָט דאָס פּנים נישט געוויזן,
ווי אַרום דעם גאָלדענעם ראָד —
טירן־און־טויערן — פון שאָטנס געבויט.
פרי איז די נאַכט היינט געקומען,
אין אַ רעגן געשווומען,
די לבנה אָן שטערן —
אַ לאָמפּ אָן אַ קנויט.

1984

אַן אָטעם ווי גאַל

נאַכט.
די שטערן —
פולע מיט טרערן
האָבן די אויגן פאַרמאַכט.

די לבנה,
מיט איר צעשראָקענעם בליק
איז שנעל אַנטלאָפן צוריק
הינטער די וואָלקנס —
ווי אין טײַכן געזונקען.
זיי נידערן צו די קוימענס פון די מויערן
וואָס שפּײַען מיט רויך און פונקען.

דער קאַלטער ווינט,
מיט אַן אָטעם ווי גאַל,
מײַדט נישט
ס׳מינדסטע ווינקעלע פון יעדער גאַס,
זײַן רײַסן און גריזשען —
שאַרף ווי אַ קינדזשאַל.
און מיך
צעוויגט ער ווי אַ שיכּור,
וואָס האָט אויסגעזשליאָקעט
אַ פולן פאַס.

די גאַס איז פּוסט,
דער ווינט קאַלערט
אַ בלעכענע „גאַרבעטש"־קאַן
און שלײַדערט די אַראָפּגעריסענע רינעס.
מײַן ניט־זיכערער שפּאַן,
דערמאָנט מיר אין אַ נאַכט
— אַ ווילדן אוראַגאַן —
אין נאָרמאַנדי־שלאַכטן
מיט פעלדער פול מינעס...

מײַן שאָטן,
ווי כ'וואָלט אַהיימגעטראָגן
שווערע פּעק,
שווימט זיג־זאַגיש
אויפן פאַרפּליוכעטן וועג.

כ'האָב זיך דערשלעפּט
צו די טרעפּ פון מײַן שוועל,
אונטער נאַסע בלעטער אַ באַרג
פונעם נאַקעטן בוים
וואָס שטייט בײַ מײַן הויז
ווי מיט אַ צעבראָכענעם קאַרק.

1982

כ׳מײַד אויס דעם שפּיגל

דער ערשטער שניי אין ניו־יאָרק
האָט אויף טעג זיך פֿאַרשפּעטיקט,
ווי ס׳וואָלטן די רעגנס און האָגלען
אים פֿאַרהאַלטן אין וועג.
עס בענקען מײַנע אויגן
צו ווערן געזעטיקט
פֿונעם פּוכיקן בליאַסק
אין ווינטער־טעג.

מיט אַ ווײַסן פּליטער
איך וואַש מײַן פּנים.
אויך מײַן האַלדז און די אָרעמס
מיט שניי אײַנגעריבן.
מער ווי איין מאָל כ׳מײַד אויס דעם שפּיגל
כּדי ניט זען די רויטע סימנים
וואָס אויף מײַנע באַקן
זענען געבליבן.

1978

אין אַ ווינטער־טאָג

פון האַרבסטיקן ווינט די ווינטער־גרוסן
מיט פראָסטיקע מעסערס געקומען צו גיין:
נאָענט צום קוימען, אַ שטיק פון מײַן דאַך צעביסן
ווי פון ווינטישן וואָלף, מיט שאַרפע ציין.

בוים בײַ מײַן הויז כּמעט נאַקעט אָן בלעטער,
אַ שיכּור אין אַ ווילדן קאַראַהאָד!
איך פֿיל אויף מײַן פּנים דעם נאָענטן פלאַטער,
די שאַרפע קעלט וואָס שפּיזלט און בראָט.

ווינט צעפּאָכעט די צווײַגן, אַזאַ גבורה אים באַשערט,
מיט אַ פײַפנדיק וואָיען, ווי אַראָפּ פון זינען.
דעם נאַקעטן בוים, הילפלאָז, פאַרצערט,
שאָטנס ווי מיט הענט אַרומגענומען.

נעכטן, די צווײַגן, געווען גאָלדיק באַקליידט,
איצט הענגען זיי אַראָפּ ווי צעבראָכענע הענט.
איך גאַף אויף די וואָלקנס, ווי בערג באַשנייט,
אין אַ ווינטער־טאָג — פראָסטיק צעברענט.

די זון געזעגנט זיך מיטן קאַלטן טאָג.
אַ קאַלעמוטנע גרויקייט פאַרהילט די שויבן.
עס אַרט ניט דעם ווינט וואָס מײַן בוים האָט פאַרמאָגט —
ער ווירבלט דאָס גאָלד, ווי ער ווירבלט די שטויבן...

1981

נאָכן שטורעם

ס'האָט אַ בליץ צעבראָכן דעם קאָרק
פונעם בוים, דעם זקן,
בײַם געשלענגלטן שיידוועג
אַרום דער באַבוימטן באַרג.

פון די טויטע צווײַגן
האָבן די ווינטן־פינגער
געשטאָכן די בלעטער
נאָכן שטורעם,
פול מיט פחד דער אַרום.
אַ בית־עולמדיק שווײַגן,
אַ שווײַגן וואָס שרײַט,
בײַם זינקען אין תּהום...

אַ פויגל — אַ פאַרבלאָנדזשעטער גאַסט,
פליט שנעל אַוועק פון די וואָלקן־בערגלעך
ווי הייסער בלײַ.
נאָענט צום מאָכיקן פאַרעם־שטיבל,
פוסט, שטום —
סודותדיק פאַרפרעסט,
מיר פאָרן פאַרבײַ
און שטעלן זיך אָפּ
בײַם צעלעכערטן דעכל
איבער דער ברונע,
ווו דער ווילדער שטורעם
האָט קברים אָפענע געלאָזט —
אויף שריט
און טריט.

1974

דורך מייַן פענצטער

בייַ נאַכט האָט געשטורעמט.
דער ווינט האָט הויקערדיקע בערג
אין בערגלעך געפורעמט;
צעוויגט די שילדן אויף די שטאַנגען
און צעוויכערט די קלאַנגען: —
ער האָט די קעפ פון דיביימער
פאַרוואַנדלט אין פעכער
און מיט ווייַסקייט פאַרשאָטן
פון קוימענס די לעכער;
פון טרעפ בייַ די שוועלן —
אַ קאָנטור בלויז, אַ סימן
און מיט אַ געשליפענעם זילבער
באַצירט דעם באַגינען.
איצטער אין פוכיקן, אין רויִקן בלענד,
שימערט דער בליאַסק אויף מייַן גאַס
אין שנייוווייַסן העמד.

1973

פראָסטיקע פלעקן

די שורות בערגלעך — אויטאָס אונטער שניי,
מיט געפרוירענע הערצער — מאָטאָרן.
איינעם — גראָב אים אויס פון דער ריי,
אפשר פאַרלענגערן זײַנע יאָרן.

אַ פאַרהילטער אין תּכריכים אויף בית־עולמס,
צוויי מעת־לעת אין קלעם איז געשטאַנען,
איצט האָף איך אויף אַ באַשערטן נס,
מײַן באַיאָרטן אויטאָס קבר צו פאַרזאַמען.

אויפֿן פענצטער־שויב באַקאָוועט מיט אײַז,
פראָסטיק פאַרקריצט אַ בלישטשנדיק בלימל.
כ'זשאַלעווע נישט מײַן מי און מײַן שווייס —
בײַם ראָד וויל אויך זען אַ פאַס הימל.

פאַר די רעדער האָב איך סטאַשקעס פאַרגרייט,
דעם שאָרסקן באָדן די רעדער זאָלן פילן.
כ'וועל נישט וואַגן פאָרן הײַנט ווײַט —
דעם מאָטאָר נאָר אַביסל צעשפילן.

כ'שליס אויף די פאַרעקשנטע טיר
מיט סימנים פון פראָסטיקע פלעקן.
אין שטומקייט דער מאָטאָר לאַכט פון מיר
וואָס געקומען פון שלאָף אים וועקן.

1933

געקאָוועט אין קייטן

די שטאָט — אַ שנייִקע טורמע מיט פּראָסטיקע שלעסער,
ווי גאָט וואָלט די שליסלען באַהאַלטן.
דאָס הימלישע פּנים,
די זון —
בייז אויפן ווינטישן מעסער
וואָס קאָן אַ האָר צעשפּאַלטן.

די קרירה
האָט די שטאָט פאַרקלעמט,
זי געקאָוועט אין קייטן.
דער פראָסט — העליש ברענט,
ווי פון סיביר ר׳וואָלט געקומען צו רײַטן.

די כמאַרנע זון האָט זיך אָפּגעטראָגן.
ווי מײַדן די קעלט.
ווײַזט אויס אַז די זון
קאָן ניט פאַרטראָגן
וואָס די זאַווערוכע
אויפן קאָפּ איר זיך שטעלט...

די שורות אויטאָס,
ווי אין תּכריכים אײַנגעהילט, —
קברים־בערג אויף בית־עולם־גאַסן.
מיטן רידל
כ׳וועל אַ וועג מיר מוזן זוכן
אויב אַ ווינט
וועט ניט רײַסן פון מיר פּאַסן.

די טרעפּ בײַם שוועל מײַן רידל האָט געפּונען.
איך גראָב אויס סטעזשקעס,
שנײ־אָקאָפּעס.
כ׳על וואַרטן אויפן טאָג, דער שניי זאָל צערינען
און דאַנקען כ׳וועל דער זון
פאַר די בלאָטעס...

1978

בײַסיקער ווינט

ווער ס'טוט הײַנט אַ שפּאַן
פֿון זײַן שוועל, פֿון טיר,
פֿילט דעם טעם
פֿון סיביר.

דער בײַסיקער ווינט,
ווי אויף שטאָט אַ שלאָס
מיט אײַזיקע פֿינגער.
— האָט גאָט פֿאַרלוירן די מאָס
און די צאַם
פֿון די שטורעם־צינגער
אויף יעדן שפּאַן?

ס'באָמבלען זיך די שילדן בײַ קראָמען.
ליאַרעמען, ווי צעלעכערטע פּויקן.
דער ווינט האָט באַזיגט זייערע שטאַנגען.
בײַם סקווער, אַ שילד,
אַ רעקלאַמע־נאָמען
פֿאַר מײַנע אויגן
איז זעלבסמאָרד באַגאַנגען...

פֿון געזימסן די אײַזליכט,
פּראָסטיקע בריליאַנטן,
ווי פֿון זוניקע פֿינגער געשליפֿן.
דער ריטשנדיקער ווינט,
זײַנע שאַרפֿע קאַנטן —
חלפֿדיק שניידט
ביז די טיפֿסטע טיפֿן!

1978

דער פראָסט האָט פֿאַרפֿאַנצערט

שוין עטלעכע מעת־לעתן
איז דער דרויסן אַ צעפליגלטער חלף,
מיט שאַרפקייט און אכזריות
פון אַ צעפלאַמטן שײַטער.

דער פראָסט האָט פֿאַרפֿאַנצערט די שטאָט
און די גאַסן — שמאָלע, פֿאַרפרוירענע טײַכן —
אונטער צעבלישטשעטע שנייקאַרבן
פון ווינטס ציין אויסגעשליפן.

דער הימל — אַ מערדער־פּנים,
די צעשראַקענע וואָלקנס — קאָלט פֿײַער.
פון דער זון, ווי מיט אַ פֿאַרפרוירן האַרץ,
די שטראַלן — נאַקעטע שפּיזן.

די מויערן דערמאָנען אין אײַזבערג
ווי שיפן, אויפן ים, זענען אין סכּנה.
דער נאָרד־פּאָל, דאַכט זיך, האָט דעם אַדרעס געביטן
און ס'פֿילט דאָס גאַנצע לאַנד דעם טעם. — — —

דער ווילד־צעיושעטער ווינט
— פון וועלכן מחבל האָט ער די גבורה גענומען?
ער האָט מיך צעוויגט בײַם שוועל,
ווי דעם צעריסענעם בוים בײַ מײַן הויז.

די לבנה האָט צעזילבערט מײַנע שויבן
און זיך געטוליעט צו די עטלעכע שטערן:
זי קאָן, חלילה, דעם קאַרק צעברעכן
פון גליטשן זיך אויפן אײַזיקן הימל...

בײַם שרײַבן אַ בריוו, צו חברים אין תּל אביב,
דערמאָנט מיך מײַן פרוי,
כ׳זאָל זיי שיקן אונדזער נײַעם אַדרעס,
אויב זיי ווילן קומען קיין סיביר...

1982

אויך הײַנט

בינטלעך שטעכיקע יאָרן
פֿונעם פּוסטן אַמאָל
חושכן נאָך אין מײַן זכּרון
דעם טיפֿן.

זומפּיקע װעגן גריזשען און זעגן
מיט צײנער
װי בײנער
זשאַװערדיקן שטאָל.

פֿון אַלע קאָלירן —
אַ באַרג מאָכיקע יאָרן
װאָס האָבן אַמאָל געזוניקט,
געבליבן איז אַ קאַמופֿלאַזשטער
רויטער קאָליר...

כ׳בין בלינד געװען
פֿונעם גלויבן,
געקנאָטן פֿון שטויבן,
אויך הײַנט —
הײַנט.

1984

וואָס פאַר מיר האָט געזוניקט

אַ ווונד פון אַ טשוואָק,
פון אַ שאַרף שטיק גלאָז,
ווי פון אַ כירורגס שניט —
דער כישוף פון צײַט
פאַרהיילט.

נאָר אין האַרץ אַ ריס,
אָן בלוט אַ טראָפּן,
פון גריזשענדיקע פאַרדראָסן
די ווונד בלײַבט אָפן.

ווײַל וואָס פאַר מיר האָט געזוניקט,
מיט אַש איז פאַרשאָטן...
און די אומרו אין מיר
שטעכט מײַן גוף
ווי שטעכלדיקע דראָטן.

1952

אין טרערן געשוווּכמען

איך הער אַ קול

כ׳הער אַ קול
וואָס רעדט צו מיר:
— מאָן פון האַרץ
אָן אַ שיעור.
וועג יעדעס וואָרט
וואָס טויג פאַר אַ ליד:
נעם פון בוים
דעם פרישן צווייט.
פון דער בלוס דעם זאַפט
וואָס איז פאַר בינען זיס,
און אויך דעם צוויט
נאָך קריעה־ריס — — — —

1981

געטרײַ כ'וועל היטן

אין יונגן סאָד מיט באַזונטע ביימער
רוט מײַן שאָטן
בײַ די שטאַמען.
ווער עס זוכט אַ געטרײַען שומר
זאָל מײַן נאָמען
דערמאַנען.

קומען וועל איך אַלעמען אַנטקעגן
און טוען וואָס מ'דאַרף —
כ'וועל העלפן שלעפן, טראָגן,
וועל גאָרנישט מאָנען,
גאָרנישט פרעגן,
בלויז געטרײַ כ'וועל היטן
אַלץ
וואָס
ביימער
פאַרמאָגן.

1979

געשווּמען אין טרערן

1.

לעבן מײַנס,
נישט תּמיד געווען ביסטו
אַ ליכטיקער באַגינען,
זוניק געוועבט
פון צעגליטע שטערן.
ס׳פאַרבאָרגענע
געזוכט כ׳האָב צו געפינען —
די מאָרגנס אָן טרערן.

געשפּיגלט כ׳האָב מײַן פּנים
אין לאָנקעס וואָס גרינען
און נישט געמיטן די פעלדער
פולע מיט דערנער
ווו מײַן וויגל איז געשטאַנען.
האָט דער הונגער מיך געוויגט
און געשטאָכן דאָס לעבן,
ווי מיט הערנער...

מײַן טאַטע, אין לאַנד דאָ,
פון זײַנע קינדער מיך דעם ערשטן פאַרהיט האָט
פון טראָגן אַ פּוילישן מונדיר:
בײַם געזעגענען זיך מיט דער מאַמען
אַזש די ווענט האָבן געבריט,
און די שיף — אין טרערן געשווּמען,
— — — — — — — —
האָב איך מײַן נײַע היים,
מיט יום־טובדיקער פרייד,
ווי אַ געליבטע אַרומגענומען.

.2

לעבן מײַנס.
אויף מאַמע־לשון מיט התפּעלות,
ווי אַ מאָלער מיט אַ פּענדזל
אויף בויגנס כ׳וועל מאָלן —
און אויב ס׳וועט זונען
כ׳וועל צווישן טאָוולען פּאַרהיטן
די בערג, ביז די וואָלקנס וועלן אַוועק
אין טיף־טיפע טאָלן —
אַצינד,
אַז כ׳צינד אין זיכּרון
יאָרצײַט־ליכט נאָך מײַן גורלס טעות —
אַ פולע טאָרבע יאָרן
ווי מיט קייטן צוגעבונדן
צו אַ גלויבן — אַן אויסגעפּעלשט ליכט,
ווערט אין מײַן האַרץ טיפע ווונדן
וואָס מײַן שטאָם ווערט געשוונדן
אויך פון זיי,
וואָס אַמאָל געווען פאַר מיר אַ שפּיגל...
יענע יאָרן אויף מײַנע פּלייצעס כ׳טו טראָגן
ווי פון שטיינער — אַ היגל.

1984

חשבון

בײַם שרײַבטיש כ׳פּיל זיך געקלעמט,
מיר פעלט אַ שפּראָץ פונעם טאָג —
געוואַשן און געצוואָגן:
טיף אין האַרץ איך זוך
די מאָס און די וואָג,
אָן אַ סימן פון אַ שאָטן
פאַר די אויגן זאָל לײַכטן —
וואָס הערן מיר זאָגן.

כ׳היט נישט דעם וואַנטזייגער
וואָס פּילט שנעלער. מיט שעהען
ווי די ווײַזערס וואָס היטן
די געציילטע מינוטן.
ס׳טראָגט מיך דער אומרו
אויף ווײַט־ווײַטע מײַלן
אַ נעסט צו געפינען —
מעת־לעתן צו רוען.

דעם חשבון אָן עדות
פון זיך אַליין כ׳מאָן,
מיט צעגליטער טרער,
די פּען צו צעוועקן.
מיך קלעמט אַ צער,
ווי פון אַ טיפן שניט,
אויב מײַן גורל
וועלן פאַרטונקלען פלעקן...

1985

לימיטאַציע

איך, דער זעקסמיליאָניקער יתום,
די מערדער זענען מיר ניט פרעמד,
פון טרעבלינקער אויוונס די יסורים
טאָרן נישט בלייבן פאַרשעמט!

דאָרט גליט נאָך דער אַש פון מענער, פרויען און קינדער,
אייביק וועט שרײַען זייער פאַרגאַזטער געשריי,
זיי פאָדערן צוזאַמען און מאָנען באַזונדער:
דערלאָזט ניט די מערדער זאָלן אָטעמען פרײַ!

אויב דער רוצח וועט קריגן אַ פרײַען פאַספּאָרט
אַן אייביקער פלעק וועט בלײַבן אויפן קאַלענדאַר,
ער האָט געוויס שוין באַשטימט דאָס אָרט
פאַר גאַז־אויוונס נײַע, אַ נײַעם באַבי יאַר.

מיר זענען נישט טויט! אַ משפט מיר מאָנען.
דור־דורות זאָלן דעם בראָך נישט פאַרגעסן.
זעקס מיליאָן קאַרבן אויף גאָטס פנים,
נאָר שבעה נאָך אונדז איז ער ניט געזעסן...

גאָט האָט געשוויגן. געשטומט האָט די וועלט.
אונדזער רוף האָט געשריגן פון דער געטאָ.
פאַרוואָס האָט די זון איר פנים נישט פאַרשטעלט
מיט אַ גרויסער, געלער לאַטע?

ביאַליק האָט געבלוטיקט אין שחיטה־שטאָט,
ווי די אויוונס האָט זײַן צאָרן געברענט.
וואַנדאַלן אונדז געעיגולט אין שטעכיקן דראָט,
האָט ווער אונדז אויסגעשטרעקט אַ האַנט?

דעם אכזר זאָל קיינמאָל ניט שײַנען די זון,
קיין רגע רו זאָל אים נישט זײַן באַשערט!
זײַן גורל זאָל תּמיד זיך וואַקלען אין קאָן,
זײַן געביין זאָל אויסגעשפּיגן ווערן פון דער ערד —

אָ, ליבינקער מײַ! דער קאַט וויל פאַרשווערכן דײַן נאָמען.
אין פּײַן דאָ, מיר הערן, דײַן פאַרשטיקט קול:
ס'וועלן זיך קאָרטשען די גראָזן און בלומען,
זאָגן אַ קדיש נאָך דײַן מײַיקן אַמאָל.

די פייגל וועלן מער ניט בויען קיין נעסטן.
די צווײַגן וועלן הענגען ווי צעבראָכענע הענט.
דעם נײַנטן מײַ וועט דער מלאך המות פאַסטן,
ליגן אין אַ נאָרע, אין אַנגסטן צעקלעמט —

די לעצטע קללה זאָל טרעפן זײַן שטאַם!
אַ פאַרגליווער צון אים זײַן זאָל דער דאָרן.
אַלע מיתות וואָס זענען נאָך פאַראַן
מיט די דײַטשן זאָלן אייביק זיך פאָרן!

1965

זיי וועלן מיר נאָכגיין

א.

די נאַכט וועל איך נישט קאָנען שלאָפֿן;
פֿאַר מײַנע אויגן בלאַנקט דאָס ווײַסע מעסער.
כ'הער אַ ברומענדיק קלאָגן
פֿון לייבן, טיגערס און לעמפּערטס,
הינטער די שטאָלענע קראַטעס
מיט ריגלען און שלעסער.

ב.

מיטן קעניג פֿון די חיות
בין איך געשטאַנען פּנים אל פּנים
אינעם אויפֿגעריסענעם פּיסק —
אַ סימן אויפֿן גומען
פֿון זײַן פֿאַטאַלן סוף
ווען ס'פֿאַלט אַ קעניגס קאָפּ,
וועל איך זײַן גורל נישט באַקלאָגן.
נאָר דער לייב, דער קעניג אָן אַ קרוין,
פֿאַר זײַן קאָפּ —
ווער באַשטימט די לוין?
איך קוק אויף זײַן גלאַנציקער פֿעל
און ס'נעמט מיך וואַרגן אין קעל:
האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד
ווו דער הימל צו דר'ערד פֿאַלט
איך בין נישט געגאַן אויף יאַגד, רויב —
פֿאַרנאַרט האָט מיך דאָס פֿענצטער,
די דעקאָראַציע אין שויב;
אַ געשטאָפּטער פֿוקס,
וואָס גריזשעט אַ שטריק
ווו די משונהדיקע ביקס,

ווי פון מוזעום אַן אַנטיק,
אַנגעשפּאַרט אין אַ קונצגעפּלאָכטענעם בויגן,
געצילט —
צום פוקס׳ גלעזערנע אויגן.

אין פענצטער, דער ביטרער פוקס,
געוויס איז קליגער פון מיר,
וואָס האָב מיט נייגיר געעפנט די סקריפּנדיקע טיר.
דאַכט זיך, כ׳הער די יעגערישע טריט,
פיל דעם פּחד פון זײַן גיריקן בליק,
מערדעריש געניט:
— האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטש
מיט אַ מעסער אין האַנט
אויסצושנײַדן דעם לײַבס צונג,
אַרויסרײַסן זײַנע ציין,
אַ סעודה פּאַרגרייט פון לייבס געביין?
ווער זענען די ריכטער וואָס דערלויבן מאָרד?

ג.

דער קעניג פון וואַלד — נישט מאַיעסטעטיש —
ליגט אויפן טיש אויסגעצויגן.
צוויי לעבער אין קאָפּ אָנשטאָט אויגן.
דעם דורכגעלעכערטן קאָפּ
עטוואָס אויפגעהויבן,
ווי אין דער הילפלאָזער לאַפּע
געזוכט זײַן פאַרלוירענע גבורה,
זײַן גלויבן...
איך קוק אויף דער לאַפּעס שאַרפע נעגל,
אײַנגעוואַקסענע אין בײַלן
און פּרוּוו די נעגל נאָכאַמאָל ציילן.
מיט אַ שולדגעפיל, גיב צאַרט זיי אַ גלעט,

און פּלוצים —
ווי דעם לייבס הויל מויל,
וואָלט פון מיר געשפּעט:
— העי,
קאַרליק!
נאַר אין שחיטות ביזטו אַ ריז...
אַלע רוצחים האָבן איין גאָט: זיג.
ווען וועסטו ווערן זאַט?
אין בלוט איז געוואַשן דײַן גאָלד,
געשליפן אין שווייס דײַנע בריליאַנטן.
אין שפּאַן דעם גיגאַנטן
האָסט מיט בלוט צעווייקט די ערד.
געקומען ביזט קויפן מײַן פעל?
טרעטן אויף מיר בײַ דײַן שוועל?
מיך אויסשפּרייטן בײַם קאַמין?
אפשר באַצירן אַ וואַנט?
האָסט פאַרדזשאַנגלט דײַנע שטעט,
קריכסט אויף אַ נײַעם פּלאַנעט —
צעגליִען
די לבנה
מיט מלחמה־בראַנד?
אָ, אַ קלאָג צו דײַן פאַרשטאַנד!..

ד.

די לעמפּערטן ליגן ווי אײַנגעפּאַלענע,
קאַמעפלאַזשטע פּאַראַשוטן.
די טיגערישע פעלן ווי פּוסטע זעק.
זיי וועלן לאַנג, לאַנג מיר נאָכגיין —
אַזאַ קרומער שאָטן,
אויף יעדן שטעג
און וועג.

1956

בײַ די זעקס ליכט

שאָטנלאָז זענען די קעמערלעך פֿון מײַן זכּרון.
די טרעבלינקע־יאָרן שפּיזלען אין מײַן געביין.
כ׳האָב געהערט די קולות פֿון די געטאָס,
די יאָמערטאָלן,
כאָטש איך — אין שלאַכטן־פֿײַער
בין דעמלט געווען.

איך האָב אויסגעטאָן דעם מונדיר,
אַ צעשטראַלטער פֿון זיג
און זיך דערוווּסט פֿון די שײַטערס,
דעם גזר אויף מײַן פֿאָלק
וואָס כ׳וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן,
און נישט דעם הימל, אין אַש־תּכריכים,
פֿון די צעפֿלאַמטע אויוונס
און בהלה־מעת־לעתן.

עס האָבן די וועלט־שומרים פֿאַרשטעלט,
יעדן וועג צו אַ גרענעץ,
מיט אַ דאָרנדיקן צאַם...
מיט חשבון געהאָלפֿן דעם וואַנזין —
די שלאַנג פֿון בערלין:
פֿאַרזינקען אין אַ קבר,
די געראַטעוועטע אויף שיפֿן —
צווישן די כוואַליעס פֿון ים.

פול איז מײַן האַרץ מיט צער,
ווי די הויט אויף מײַן לײַב
אין אַ העמד פון זשאַר —
די גזלנישע וועלט האָט פאַרשוויגן.
מיט אָפענע אויגן
געזען דעם פּלאַם,
די תּליות און אויוונס פאַר ייִדן.

אויפן פאַרטונקלטן הימל,
מיט סימנים פון לעצטן רעגנבויגן,
ווי קריעה־ריסן
עס גלײַען די צוועלף מיליאָן שטערן־אויגן;
פון זייערע גופים,
דורכן רויך פון די קוימענס
די שאַרבנס קלאָגן.
יעדער קרבן איז מיר נאָענט,
ווי מײַן שוועסטער מיט די קינדער
וואָס הערן בײַ די זעקס ליכט,
ווי יעדער אָדער פון מײַן האַרץ
טוט קדיש נאָך זיי זאָגן.

1982

אינעם פלאַם פון די ליכט

ווי־פל יאָרן מיר איז נאָך באַשערט
וועל איך ווייכן יענע פאַרשאָלטענע ערד,
מיט די סם־המותדיקע געשטאַלטן
הינטער קאַמופלאַזשטע מאַסקעס באַהאַלטן —
פאַרדעקן די שפּורן,
די חלף־יאָרן,
מיט שׂינאה און האַס פאַרטראַכט —
דעם בלוט־מבול געבראַכט.

ווי־פל יאָרן מיר לעבן איז באַשערט
כ׳וועל אויסמייַדן יענע פאַרקנעכטע ערד,
מייַן אוצר — די פרייַהייט —
נישט שטעלן אין קאָן
בייַ די המנס די נייַע
וואָס טוליען זיך צו דער נאַצי־פאָן...

וואָס זעקס מיליאָן מאָל איז פאַרשריבן,
אויף דור־דורותדיקער מצבה אַרייַנגעקריצט —
טראָג איך טיף אין האַרץ,
ווו עס זידט מייַן בלוט;
וועם באַשערט נאָך
אַ שפּראָץ ליכט פון דער זון
און דעם שימער פון מינדסטן שטערן בייַ נאַכט.

ווײ און ווינט זײ.
וואָס דער הימל איבער זײערע שטעט
איז נישט שוואַרצער ווי טינט
פֿאַרוואָס שטאַרבט נישט יעדער בוים
און אַ גרעזל גרינט דאָרט?
דעם רוצח,
מיט מײַן פֿאָלקיש בלוט אויף די הענט,
פֿאַרוואָס האָבן דונערס און בליצן
זײַן געביין נישט פֿאַרברענט?
פֿאַרוואָס האָט גאָטס גזר נישט פֿאַרשטיינט
די פֿאַרהאַסטע ערד
און יעדן טראָפּן וואַסער־קוואַל
נישט געמאַכט ביטערער ווי גאַל?

די טרעבלינקע טויט־אויוונס
זענען פֿאַרלאָשן.
הײַנט — אין טאָג פֿון יאָרצײַט —
פֿון אַ באַרג אַש איך הער קולות,
אין ייִדיש לשון:
— אינעם פֿלאַם פֿון די זעקס ליכט
גליט דײַן שוועסטערס געזיכט
און פֿון אירע זעקס קינדער —
יעדנס פּנים.

1953

אַ בית־עולם אָן מצבות

דער ריזיקער באַרג,
מיט גלײַענדיקע אָדערן אַ האַרץ,
האָט אויפגעריסן דעם פּיסק.
און ברעכט פון די טיפענישן פונעם אינגעווייד
מיט אַטאָם־גבורה.

דער וואולקאַן — אַ גיהנום־מחבל,
טראָגט אויף פלאַמיקע פליגל
שוואַרצע רויבקנוילן צום הימל.

פונעם באַרגיקן דונערשטורעם
איז די זון, הינטער אַ וואָלקן
מיט אַ פאַרחושטן פּנים,
גרייט צו ברענגען די נאַכטיקייט
מיט פאַרהוילענע שטערן־אויגן.

אַ סמאַליקער שטויב־מבול
פאַרמישפּט דעם אַרום —
אַ בית־עולם אָן מצבות,
ווו די לאַווע —
אַ גלײַענדיקער טויט־שטראָם,
שלענגלט זיך אַרום צום טאָל.
פון מײַלן ווײַט איך פיל די סמיקע לופט
און שטעכעכץ אין די אויגן.
דאָס רעפּטל לבנה — אַ פאַרסאַזשעט אויער,
ווי געהערט וואָלט מײַן טראַכטן
אין די נעכט פון יאָרהונדערט — — —

1981

מײַן אָנקלאָג

אין ליכטיקן אָנדענק פֿון מײַן
שוועסטער מיט אירע זעקס קינדער

איך ווייס ניט וויפֿל יאָרן
מיר איז אָטעמען נאָך באַשערט,
וויפֿל טעג זיך נאָך שפּיגלען
אינעם פּנים פֿון דער זון;
פֿון זעקס־מיליאָניקן צער
ווי אין זשאַר מײַן זכּרון,
אין מײַנע אויגן יעדער דײַטש —
אַ צעפּאָכעטע שווערד.

טעג פֿון אָט די חושכדיקע יאָרן
געווען צעגליטע פֿונעם פֿלאַם.
פֿון דײַטשלאַנד דער צאָרן —
טיפֿער ווי דער ים.
פֿון די נאַצישע מערדער
נישט בלויז נקמה כ׳האָב געמאָנט,
אַ קבר פֿאַר זייער געביין —
דער נאָרמאַנדי־פֿראָנט.

דער גורל פֿון מײַן פֿאָלק
איז געהאָנגען אויף אַ האָר.
בלינד איז געווען די וועלט
און די געטאָס האָבן געברענט.
גאָט האָט פֿאַרשוויגן,
נישט געקוקט אויף די ביינער
און נישט אויפֿן אַש,
וואָס ריזיקע בערג דאָרט ליגן.

כ׳האָב יאָרן געטראָגן
אויף מײַן גוף אַ מונדיר.
צו יעדער קויל פון מײַן ביקס
מיט כּוונה כ׳האָב גערעדט: —
עפּענען זאָל דער מלאך־המוות
יעדע דײַטשישע טיר
און מיטן פלאַם פון טרעבלינקע
זאָל ווערן דײַטשלאַנד פאַרוויסט.
די טיפע וווּנד אין מײַן האַרץ
וועט זיך קיין מאָל נישט פאַרהיילן.
(אויך אין קבר פון מיר זיך נישט שיידן)
די פונקען פון אירע יאָרצײַט־ליכט
פון דער בראָך זיי דערציילן:
— „די הענקערס, די צינדער, האָבן
פאַרברענט מיך און מײַן מאַן
און זייף געמאַכט
פון אונדזערע קינדער״.

מײַן שוועסטערס קול כ׳הער נאָך אַלץ
ווי ס׳וואָלט קיין אַש פון איר ניט געוואָרן.
כ׳לעב נאָך אַלץ
מיטן שווידער פון יענע יאָרן,
מיט יענער וויסטער פּלאָג
קדיש וועל איך אייביק זאָגן
און אייביק
פאַרשעלטן בערלין,
און שטענדיק זי אָנקלאָגן.

1986

אין דײַן צימער

(נאָך אַלגינ׳ס לויה)

כ׳בין הײַנט געווען אין דײַן צימער
געקוקט צום טיש, אויפן בענקל ווו ביסט געזעסן.
בײַם שוועל בין איך געשטאַנען ווי אַ שטומער —
געפּרוּווט אינעם אומגליק אויף אַ רגע פאַרגעסן.

כ׳זע דיך נאָך זיצן בײַם טיש אײַנגעבויגן,
דײַן „גאָלדענע פען״ — אַ וויכער אויפן פּאַפּיר.
אָט הייבסטו אויף דײַנע מידע אויגן
וואָס פרעגן, מאָנען עפּעס בײַ מיר.
פאַרדריסט מיך שוין וואָס כ׳בין איצט געקומען
פון „דײַן וועלט מיט אַרבעט״ רויבן עטלעכע מינוט.
נאָר אָט הער איך: דו רופסט מײַן נאָמען
און שטאַרקער נעמט פּולסירן אין מײַנע אָדערן ס׳בלוט.

שטענדיק אַזוי בין איך אין פיבער
ווען כ׳דריק דײַן צאַרטע, אויסגעשטרעקטע האַנט.
דו רעדסט צו מיר ווי צו אַ לײַבלעכן ברודער:
— ...ס׳טאָר דאָ קײנער ניט פרעמד בלײַבן צום נײַעם לאַנד!
פאַמעלעך הײבסטו אָן לייענען די געבראַכטע לידער,
ווילסט דערפילן אין זיי דעם ריטעם פון דער שאַפּ־מוזיק.
די קאַרבן אויף דײַן פּנים צייל איך שוין נאָכאַמאָל איבער
וואָס פאַרשווינדן בײַ דײַן צופרידענעם, וואַרעמען בליק.
איצט שטיי איך בײַם שוועל, זוך אין יעדן ווינקל פונעם צימער.
קוק לאַנג אויפן בילד אין שוואַרצן געהילט...
ווו ביסטו, חבר טײַערער? זון פון אײביקן זומער,
כ׳פיל אין מײַן האַרץ ווי ס׳בלוט ווערט פאַרקילט —

1941

וואָס מאָרגן וועט זײַן...

לזכר יצחק מעצקער

פונעם שיטערן וואַלד
ס׳האָט דער שטורעם
נאָך אַ בוים אַרויסגעריסן.

צווישן די פרישע גריבער
די געבליבענע ביימער,
די זקנים,
מיט שאָטנס פאַרצויגן,
איז פוסטער נאָך דער וועג געוואָרן.
מיט צער
די געבליבענע כ׳צייל איבער,
און פיל אין האַרץ אַ גלי
וואָס שטראָמט פון מײַנע אויגן.

יעדער בוים —
מיט זײַן אייגענעם ניגון
איז געווען מיר ליב און טײַער
ווי ביאַליקס ליד —
אַ דור־דורותדיק צושטייער.

יאָ, געטרוימט כ׳האָב אַמאָל
זײַן אַ בײַמעלע אין וואַלד,
פיל איך הײַנט ווי אין קלעם צווישן צוואַנגען.
מיר איז חשבות־קלאָר
וואָס ביז נעכטן שוין געשען,
דערפאַר פאַריאָג איך פון דמיון
וואָס מאָרגן וועט זײַן...

1984

טאַבאַטשניק

ער האָט געפונען פון דער ייִדישער יצירה ס׳גאָלד,
פאַרהיט — ס׳זאָל חלילה וחס ניט שטויבן,
און אוצרות געבראַכט צום פאָלק
וואָס וועט זײַן נאָמען אייביק לויבן.

זיין קנאָספּיש לשון — געטאָקט און געשליפן —
פערלדיקער טוי אין מײַיִקן באַגינען;
טויכנדיק דערגרונטעט די טיפסטע טיפן —
די ייִדיש־שעפערישקייט באַזינען.

צו־פרי האָט גאָט גענומען
דעם שומר פון מאַנגערס שטערן.
משה לייב וועט לייביש ברומען:
שטאָלצנבערג, בעט בײַם בורא אַ בעכער טרערן.

אָ, באַשעפער! האָסט ווייניק דעמבעס אַרויסגעריסן?
וואָס וועט ווערן פון שיטערן וואַלד?
לאָז לייוויקן אין גן־עדן וויסן:
נאָך אַ שטילער טרויערער — אין הימל שאַלט...

טאַבאַטשניק׳ס „דיכטער און דיכטונג״, אַ ספר־ייִדיש,
ניגונים אויף אייגענע נאָטן,
איך לערן מיט אים אַ פּרשה חומש
ווו ס׳הייליקן אויך נישט־דערשריבענע געבאָטן.

1973

זאַפּטיקע טעמים

גראַדען לזכר

בײַ דער מזרח־וואַנט — דער שאַפֿער בײַם וואַרסטאַט,
זײַן לשון געטאָקט איז און געשליפֿן;
די שורות אויסגעשמידטע — זאַפּטיקע טעמים,
ווי אַ געליבטערס תּאוותדיקע ליפּן.

בײַם לייענען זײַנע לידער וואָס בלישטשען,
די ווײַטסטע שטערן קומען נאָענט צו די אויגן.
די ווײַזערס ווײַזן ס׳פּנים פֿון באַגינען
און בײַם פֿענצטער אַ רעגן־בויגן.

הערסט פֿידלען סטראַדיוואַריוס און כאָרן פֿון פֿייגל,
טירן אָפֿן ווערן די ווענט פֿון מײַן צימער.
אַרום די רונדע פּערל־שנורן שאַטנס
שימערט דער בוים ווי אין זומער.

מיט אותיות ייִדישע, ווי רצועות געוויקלט,
די בלעטער פֿון דײַנע ספֿרים — גאָלדענע רינגען,
פֿוכיקע וואָלקנס — בערג ווײַסע פֿעדערן
אין ליכטיקן עיגול, גלעקער צעקלינגען.

זענען דײַנע לידער בייטן צעדליטע
מיט בלומען וואָס וועלן קיין מאָל ניט וויאַנען,
אויף דורותדיקע דורות אַ שאַפֿערישער נאָמען,
אַ זינגער־שטאַם פֿון פֿאָלקישע שטאַמען.

1984

בײַם טויער פון בית־עולם

די טרערן פון די יאָרצײַט־ליכט
גליִען אין מײַנע אויגן.
חיים גראַדעס פּנים איך זע
מיט צער באַצויגן
זי —
מיט אַ שטײן־האַרץ
בײַ זײַן לויה;
אין אַ חושכדיקן שאָטן
באַהאַלט זײַן נאָמען...

קוים מענטשן פינעף
צוזאַמען מיט איר,
אין פּלוצמעדיקן שאָק
ווי אין אַש צעשוווּמען
און איצט —
נאָך אַ צײַט אַ קורצער
געזוכט זײַן מצבה —
און —
נישט געפונען.

אירע רייד בײַ זײַן לויה:
„קיינער
זאָל
ניט
קומען!"
הער איך איצט אין געשעפּטש
און... ס'איז קיינער ניט געקומען.

בײַם טויער פון בית־עולם
געפילט אַ משׂא,
ווי אַ באַרג כ׳וואָלט געטראָגן;
די וואָלקנס נידעריקע
וואָס אויפן בית־עולם שווימען
קדיש טוען זאָגן.

1984

פון צער צעצונדן

(מײַן חבר מאַרטין בירנבוים ז״ל)

א

מײַן זוניקן חבר
כ׳האָב פּלוצים פאַרלוירן.
געווען מיר, ווי מאַמע־לשון,
ליב און טײַער.
ווער ווייסט ווי לאַנג
נאָך אָטעמען מיר באַשערט איז,
ווײַל אַן אָטעם אָן רו מיר געבליבן.

מיט יִאוש כ׳פּיל אָן
יעדן ווינקל אין מײַן צימער
עס נעמען מיך אַרום ווי שפּיזן די ווענט,
כ׳וועל פרירן אַפילו אין זומער
בעת אין בעט
כ׳וועל ליגן געקלעמט.

כ׳בין אין אַ תּהום און הייב אָן זינקען...
כ׳מײַד ניט די גלאָז־שטיקלער אויפן דיל,
פון דער וואָדקאַ־פלאַש,
ווי פון אַ פײַנען־קרוג
כ׳וועל הײַנט טרינקען.

די שויבן פונעם פענצטער
ווי צעקנאָטן פון אַש,
צום לאָמפּ אויפן שרײַבטיש
אויף זשאַר מײַן שפּאַן,

פון די עלעקטרישע אָדערן —
שטראָמען פונקען,
די סטעליע אויף מײַן קאָפּ —
אַ היטל פון פײַער און פלאַם...

מײַנע אויגן גליִען.
די שעהען — מיט נעגל רויבפייגל אויף מײַן שאַרבן,
די ביכער אויף די פּאָליצעס
פון טרינקען געקלעמט,
זייער קול אויף מײַלן ווינקען זיך איבער:
„זע נאָר, ר׳האָט אין שפּיגל זײַן פּנים ניט דערקענט...״

קדיש איך הייב אָן זאָגן מיט אַ מויל פאַרמאַכט,
פונעם העמד ווערט אַ טלית —
מיט אים כ׳נעם שווימען אויפן ים.
שיפן מיט פאָנען הייבן אָן צו זינקען.
כוואַליע נאָך כוואַליע — אַ ווילדער געאײַל.

איך זע טירן צעפּראַלטע,
און די טיר פון מײַן צימער באַפּאַנצערט איז מיט שלעסער,
איך זע אַ בלאַנק פון אַ מעסער,
אַ קול אין בראָנפן־טומאַן לאָזט מיך הערן:
„פינצטערע פלעשער פילסטו אָן מיט דײַנע טרערן!״

ב

אויף אַ רעגנבויגן מאַרטינס אַ ליד,
דיכטער פון גן־עדן לייענען,
ער עפנט שטיל די אויגן
ער גלײַכט אויס אַ וואָרט מיט זײַן פּען —
און מײַן קאָפּ בלײַבט טיף געבויגן.

ג

די ווּנד אין מײַן האַרץ
זי וועט זיך ניט פֿאַרהיילן,
ווי מיט קייטן אין אַ תּפֿיסה
איך בין געבונדן.
פֿון מײַן געביין —
איך ווייס ניט וואָס מאָרגן וועט זײַן,
נאָר דער הײַנט —
פֿון צער צעצונדן.

אַ לויטערער קוואַל געווען איז זײַן פּען.
זײַנע לידער פֿאַר ביכער געבליבן.
דעם דיכטער געזען אין די פֿונקען
און מיט זוניקע אותיות פֿאַרשריבן.

געווען מיר נאָענט
מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט
ווי אויף מײַן לײַב די הויט.
שפּאָטנס פֿון אונדזער וועג אין לויף פֿון די טעג
מיר האָבן פֿאַרטריבן.

זיינע לידער אין די „ווייזערס"
און אין בוך „דער וועג אַרויף",
וואָס פֿון אַרבעטלאָזיקייט,
פֿון פּײַן, און פֿון לײַדן בײַנאַנד
פֿאַר אייביקער געשיכטע איז געבליבן.
נאָר ער —
ניטאָ מער.

1986

פֿאַריתומט

ס'האָט נעכטן מײַן זוניקײַט
זיך פּלוצעם פֿאַרלאָשן.
פֿון הערן דעם בראָך,
עס האָט אַ ריס געטאָן,
זיך צעפּלאָסן.

דער שטראָם פֿון מײַנע אויגן —
געקלעמט מיר און געבויגן.
אַ רגע, אַ מינוט —
ענדלאָזע שעהען.

געשטאָרבן איז אַ זוניקייט
וואָס פֿלעגט מיר תּמיד בלײַען.
אַ באַרג — מײַן צער
לאָזט קיין רגע ניט רוען,

אַן עדות מײַן שפּיגל —
נישט לײַכט זיך דערקענען,
כ'בין ווי אויף פֿליגל
נאָענט צום גיהנום...

מײַנע וווּנדן אויף מײַלן
שוין. נישט זיך פֿאַרהיילן.
פֿאַריתומט כ'בין געוואָרן:
מײַן האַרציקן מאָטל־מאַרטין —
כ'האָב אָנגעווירן.

1986

פאַרלאַשן

ווען ס׳איז דערגאַנגען צו מיר
דער טרויעריקער סוף פון מײַן חבר,
האָט אַ מבול פאַרפּלייצט מײַנע אויגן.

מיט האַמערס האָט געפּויקט דאָס האַרץ.
מײַנע אָדערן — שפּיזן אין אינגעווייד.
רגעס פלאַמיקע האָבן מײַן טאָג באַגלייט.

שטיינער ווי בערג אויף מײַנע פּלייצעס
דריקן אין שרעק
און איך בין אײַנגעגנורעט אין אַ שאָטן־טאָל

וואָס איז טיפער פונעם ים? —
כ׳וואָליעס צער געפינען נישט קיין ברעג.

ווי אַ דונער האָט מײַן לעבן געקראַכט.
מאַרטין — ווי אַ בליצנדיקער שטערן
איז אַנטרונען אין דער נאַכט.

אין מײַן ליכטיקן צימער
כ׳בין געוואָרן אַ חושכדיקער שאָטן,
שטאַר, אָן לשון:
ווי די זון וואָלט זיך אין מיטן טאָג פאַרלאָשן...

1986

מײַן האַרץ פֿול צער

פֿונעם װײטיק טיפֿן
דעם חלפֿדיק־שאַרפֿן
האָבן זײַנע זוניקע אויגן
זיך פּלוצים פֿאַרלאָשן,
װי װינטיקע פֿליגל
מיט פֿעדערן געזיגלט
פֿאַרלעשן ס׳פּנים פֿון אַ לאָמפּ —
מאַרטין בירנבוים.

אָן אים מײַן האַרץ פֿול צער איז
װי אין גיהינום װאָלט געשװוּמען;
מײַן לעבן פֿול מיט זשאַר איז,
װי אַ דונער צעברעקלט מײַן רו,
אין מײַן הײם איצט
כ׳בין אין דער פֿרעמד.
די לאָמפּן אויף מײַן שרײַבטיש פֿינצטער
װי די װענט,
און דער מלאך אויפֿן װעג
צו מיר איז שוין נאָענט. נאָענט.
בלויז זײַן קבֿר און דער זכר
איז מײַן טיפֿסטע װוּנד.

1987

אַ חלום

איך ווייס נישט ווי לאַנג
עס דויערט אַ חלום —
אַ רגע? אַ שעה?
אייביקע מעת־לעתן?
מײַן חלום פון נעכטן,
ווי לאַנג נאָך כ׳וועל לעבן,
בין גרייט צו שווערן: —
כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אין חלום מײַן בעט
מיט פעדערן ווי שטיינער
פון אַ באַרג מיט טרעפּ
אויף מײַן קאָפּ פאַלן.
מאַרטינס יאָרצײַטליכט
דעם בית־עולם צעוועקט:
פון זײַן קבר פליִען געזאַנגען
אויף פליגל פון שטראַלן...

אויף אַ צאַפּל־שנור
וויגט זיך אַ בריק.
אין אַ טײַך מיט בלוט
אויף די פלייצעס כ׳טו שווימען.
אַ וואָלקן מיט פליגל
צו מיר איז געקומען,
געבראַכט מיר אַ שפּיגל
מיט אַ פאַרלאָשן פּנים...

איך טו לויפן אויף דער בריק,
זי פירט צו אַ טאָל,
עס הילן מיך פונקען.
אויף אַ קייט פון אָדערן
הענגט אַ וויגל אויף אַ שאָל
און כ׳פיבער;
איך זע ווי עס זינקען...
אַ רב אין אַ טלית
זײַן באָרד פון שמות
פירט מיך צו אַ קבר
וווּ פון גראָז גייען אויף
רויטע בלומען.
פידל־אותיות צעלײַכטן דעם הימל —
אַ בוך מיט מאַרטינס נאָמען.

כ׳האָב פון נאָטן אַ פּען
אַ מתּנה אים געבראַכט,
געזען אים בײַם שרײַבטיש
זיצן און שרײַבן.
ווי תּמיד איך פאָלג אים;
שעהען, ווי טעג,
מיט אים כ׳טו בלײַבן.
מיר צעליכטיקן די אויגן
די זײַדענע פעדעם
אויף אַ גאָלדענעם בויגן
ער טוט לידער וועבן.

אַ מנין פייגל מיט גרויע פליגל
געקומען זענען לייענען
וואָס דער פּאָעט האָט געשריבן,
די מצבות, מיט אויערן
הערן זײַן קול,
זײַן בקשה צו מיר —:
„לאָז נישט דײַנע אויגן
שווימען אין טרערן!

— איך פיל דײַן צער
פון מײַן ווײַטן וועג...
ביסט תּמיד מיר געווען —
ליב און טײַער!
זאָג אָן מײַנע פרײַנד:
אין מײַן ניט־זײַן בין איך דאָ,
אין מײַן פאַרגיין — ניט פאַרגאַנגען.

1986

שוין לעבסטו אין מייַן זכּרון

מאַרטין בירנבוימען אַ קדיש

כ׳וועל היטן דעם טאָג פון דייַן פּייַנלעכן פאַרגיי.
מייַן האַרץ כ׳וועל טראָגן די יאָרצייַט-ליכט אַנטקעגן.
מיט דייַן ליד פון פרייד, מיט דייַן ליד פון וויי,
מיט טרערן זשאַריקע קדיש נאָך דיר זאָגן.

אוי, מייַן זיניקייט איך האָב פאַרלוירן
און מייַן ליכטיקייט בלינדט,
הייסע שפּיזן מייַן געביין
שטעכן מיר אַצינד. —

נישט נאָר איצט און נישט נאָר הייַנט
בין איך אין חושך אייַנגעקליידט.
ס׳האָט דאָס ליכט, ווי אין טיפער נאַכט,
זיך פאַרטייַעט אין באַשייד.

ווי אויף שאָטנס מיט שאַרפע ציין
איז אַוועק, אַוועק דער וועג.
פון בערגל ערד מיט דייַן נאָמען
וועלן גיין איצט די טעג.

אויף מייַן לייַב דאָס זייַדן-העמד
בריט מייַן הויט און ברענט,
ווי פון תּכריכים אויפגעניייט,
ווי ס׳וואָלט מיך נישט דערקענט.

און פון באַרג, מיט טרויער גרויסן,
שפּרייַזט דער נעפּל — ווי בלינד געוואָרן,

אונ איך אינ שפּיגל זע דײַנ פּנים —
מאַרטינ, — אַ מת אינ אָרונ...

נאָר שוינ לעבסטו אינ מײַנ זכרונ,
ווי די זונ אינ די מעת־לעתן —
אויב באַשערט עס איז מיר יאָרנ
כ'וועל דיך אינ זיי נישט פאַרגעסנ.

1987

פון דער ווײ

פון פֿאַרלירן דיך, מײַן חבר,
איז אַ מינוט מיר ווי אַ שעה
און אַ שעה ווי אַ טאָג איז אין קלעם:
אָן דיר איז חושכדיק אַפילו די זון
און פרעמד מיר דער טעם פון מײַן רו.

בינטלעך זוניקע ווערטער דײַנע מיר פעלן
מײַן גורל איז יאָרן שוין פֿאַרלאָשן — — — —
אויב אַביסל לעבן איז מיר נאָך באַשערט,
וועט פונעם בראָך אין מײַן האַרץ —
די טיפֿע וווּנד זיך שוין ניט פֿאַרהיילן.

ווי לאַנג איך וועל נאָך אָטעמען,
אין מאַרטינס זוניקן פנים זיך שפּיגלען;
בײַ זײַן שרײַבטיש מיט ביכער
וועל איך לייענען די נײַע לידער זײַנע
וואָס צו אַ וואָלקן טאָן פליִען —
מיטן דיכטער־ברודער.

שאַרפֿע מעסערס עפענען מײַן טיר בײַ נאַכט,
שינדן פֿאַסן פון מיר אין שלאָף
און פון ווײַזערס די מינוטן,
אין חלום פון צער, מײַנע אויגן גליִען:
פול מיט אומרו מײַן גוף —
פֿאַלמעסט יעדע רגע פון מײַן רוען.

איך ווייס נישט וואָס מײַן מאָרגן וועט זײַן.
אינעם הײַנט, — מײַלן ווײַט פון רוען;
אַ רגע כ׳בין ניט פרײַ פון צער:
אויף די אַקסלען איך פיל אַ באַרג
מיט ריזיקע שטיינער גליִען —
שאַרף געקנאָטן פון זשאַר.

ווי לאַנג מיר איז לעבן נאָך באַשערט,
מיט אַ טעם פון רו ניט זײַן געבענטשט:
די שעהען —
און די מינוטן פון די טעג —
פונעם בראָך געיענטשט...

געלייענט בײַם אַנטהילן די מצבה אויפן קבר פון מאַרטין בירנבוים, דעם 13טן סעפטעמבער 1987.

מיט טרערן מײַן טרויער

מײַן חבר ד״ר אליהו שולמאַן לזכר

אליהו, חבר טײַערער,
פונעם בראָך איך טו קלאָגן:
מײַנע טרערן ווי לאָגל
קדיש זאָגן...

ביסט וואָר אין מײַן זכּרון:
די ווײַטסטע מײַלן
געווען תּמיד דיר נאָענט,
כּמעט יעדער בוך
האַרציק האָסט געמאָלן,
קלאָר אונדז דערציילן,
דײַן געשליפענע פען —
טיפע וווּנדן געטאָן פאַרהיילן.

ווו לייוויק און ניגער
רוען שוין לאַנג,
דו, אַזאַ מידער,
צו זיי ביזט אַוועק...

דערפאַר מיט צער איז מײַן האַרץ
און צו דײַן קבר מײַן גאַנג — — — —

אין האַרץ פון מײַן פאָלק

אויף אײַערע קברים קלאָגן נישט קיין בלומען־קרענץ,
מיר ווייסן אַפילו נישט ווו עס רוט אײַער געביין.
נאָר אין האַרץ פון פאָלק וועט לעבן אייער נאָמען —
לענגער ווי אַ געקריצטער מצבה־שטיין.

מיר זענען אבלים געבליבן. אונדזערע קעפּ אין פּײַן געבויגן,
ווי די יידעס אַמאָל געבליבענע פון שחיטות.
אויך בײַ גאָט, דאַכט זיך, בלוטיקן די אויגן
ער ברומט, משונהדיק, אַ יידישן ליד;

דאָס ליד וואָס פּעפּער האָט ניט דערשריבן,
פון מאַרקישעס און בערגעלסאָנס לעצטע שורות.
ווי אַלע דונערס אין דער תּפיסה זיך פאַרקליבן,
געקלונגען האָט זײַן קול: „איך בין אַ ייִד!"

דאָס קול האָט אַזש דעם הימל געריסן,
ווי ס'רײַסט זיך פון אַ שעכטהויז ס'שטומע געוויין:
ער האָט פּלוצים דערהערט אַ ווײַטסטן רוף,
פון יעדן מאַרטירער צו אים דאָ געווענדט.

אָט זעט ער פון דער תּליה רײַסט זיך הירש לעקערט,
און די קראַטעס די שטאָלענע ברעכט הירשקע גליק:
„...בערגעלסאָנס קאָפּ פון קוילן צעלעכערט,
אויף מאַרקישעס האַלדז וואַרט אַ שטריק..."

„לייב קוויטקאָ און דער נסתּר געווען זענען „פאַררעטער"
און קולבאַק און כאַריק — „שׂונאים פון פאָלק?"
אָ, גאָט פון אַלע געטער! —
זע ווי אַ צונג קאָן ווערן צעפּוילט..."

„אָ, גלויבן ליכטיקס, איצט ביסטו געזונקען,
טיפער נאָך ווי דער ימיקער גרונט:
די ברוינע, חיה, מײַן בלוט האָט געטרונקען,
איצט — נאָך טיפער איז די ווונד.

„דעם תּליונס צעפּאָכעטע שאַרפע האַק,
געמוזט, געמוזט האָט מען פאַרהאַלטן!
און יעדן מאַרטירערס צעשפּאָלטענעם קאָפּ —
אין אַ בעט פון בלומען באַהאַלטן".

„אַלע ווינטן מיט פײַער דעם חשבון וועלן צעטראָגן,
אויך דער גיהנום דערפילן זאָל דעם פלאַם;
מיט אַלע טויטן ווערן זאָל דערשלאָגן
ווער סע האָט פאַרשניטן די צונג פון מײַן שטאַם!"

הירש לעקערט איז אַרײַנגעקומען מיטן פאַרבלוטיקטן שטריק
וואָס האָט אַמאָל זײַן האַלדז דערוואָרגן.
אויף פעפערן האָט גערוט זײַן צעגליטער בליק:
„— אויך דו וועסט נישט שטאַרבן!.."

„נישט דאָס איז די פרוכט וואָס מיר האָבן געזייט,
אונדזער פאָן די מאָרגנס צעטאָגן:
דאָ זע איך ווידער די זשאַווערדיקע קייט
וואָס אַמאָל, מײַנע הענט האָבן געטראָגן;"

„מײַנע הענט זענען עדות: דורך אַלע שטורמישע יאָרן
פאַרבליבן זענען טיף די קאַרבן:
ווי קאָן איך איצט טרײַבן פון זכּרון
דעם קאָליר פון די שוואַרצסטע פאַרבן?"

פּאַמעלעך האָט פּעפּער אויפגעהויבן דעם קאָפּ,
געזוכט און געשוויגן.
פון קאַשמאַר זײַן צונג האָט געברענט:
ער פּרוווט די אָרעמס, ווי זײַן קינד אַמאָל וויגן,
נאָר צעוויגט האָבן זיך די קייטן אויף זײַנע הענט...

ווען מיר געפינען פאַרן הארץ היינט באַנדאַזשן?
קאָן אַ באַנדאַזש פאַרדעקן די־אַ־וווּנד?
האָט ווער פאַרגעסן פון מאַידאַנעק דאָס אַש
וואָס בײַם געוויסן פון דער וועלט אַ חשבון מאָנט?

דער צער מײַן הארץ איז גאָרניט פרעמד;
צו נאָענט זיי ביידע — אין זעלבן שפּאַן...
קיין מאָל האָט אויף לײַב אַזוי מײַן העמד
נישט געפילט דעם גלי פון אַזאַ־אַ־פלאַם;

קיין מאָל, קיין מאָל האָט זיך געפּאָרט מײַן פאַרשטאַנד,
אַז אויף אונדזער שוועל קאָן רוען אַזאַ־אַ־גרויל
וואָס האָט הפקרדיק, און פעסט אַזוי געשפּאַנט,
מיטן צעגליטן „האַלדז" פונעם פּיסטויל...

וועט בלײַבן די אומרו אין מיר פון אַלע ימען —
כ'וועל קיין מאָל נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק,
אַז נאָר דעם תּליון דאַרף מען פאַרדאַמען, ווײַל
נישט נאָר אים אַליין האַלטן אויף דער שולדיק־באַנק...

1960

שוואַרצער ווי די נאַכט

— ווו געפינט מען די רו,
אַז מײַן געמיט־אומרו אין מיר
גריזשעט ביזן ביין?

פון האַמער און סערפּ
האָט דער קרעמעל אויסגעשמידט אַ שווערד
אין אַ שייד פון בלוט...

ס׳האָט דער צעיושעטער קיון,
ווי אונטער מילשטיינער צעמאָלט
הערצער מיט אַ גלויבן.

אין די פּיין —

הייסער ווי אַ לאַווע
אויף דער געשענדעטער ערד.

— וואָלט מײַן קאָפּ געמיטן
די הענקערשע האַק,
ווען געוועז כ׳וואָלט דאָרט?

יאָמערט מײַן האַרץ: —
אַ שטראָם דאָרט פון גיפט
אַ גזר־דין פאַר מיין שטאַם.

אונטער אַ פּראַסטיקער הויט
איז מײַן אויסגעחלומטע וועלט
אין אַ תּהום.

פון מיכאַעלס צעשמעטערטן שאַרבן,
זײַן צעגליט בלוט
צעטראָגט דעם כּיסא־הכּבוד — — —

מירעלע,* מיט אַ זאַק אַש אויפן קאָפּ,
טראָגט בערגעלסאָנס גוף
צום קבר פון „מידת־הדין״;**

און פון אַ שײַטער־פלאַם
שפּאַנט אַרויס מאַרקיש
זאָגן קדיש —
— — — — — — — —

פרעסט מיך, די אומרו,
פאַר וואָס פאַרהייליקט כ׳האָב אַ קאָליר —
שוואַרצער ווי די נאַכט?

1982

* מירעלע — פון בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״.
** „מידת הדין״ — די מאָס פון גערעכטיקייט. אין דעם ווערק זײַנעם שילדערט בערגעלסאָן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע מיט די העלסטע קאָלירן.

צו דיר, יעווטושענקאָ

פאַרוואָס צאַפּל איך אָפּט דערמאָנענדיק דײַן נאָמען?
האָט ווער שוין דײַן גורל געשטעלט הײַנט אין קאָן?
אויף מײַן שרײַבטיש דײַן בילד, אַזוי נאָענט מיר דײַן פּנים,
ווי ליב ס׳איז מיר דניאל, מײַן איין־און־איינציקער זון.

אים איז נישט פרעמד דײַנע נײַסטע לידער:
כ׳דערקלער אים צו ביסלעך דײַן ליד: „באַבי יאַר״.
נישט נאָר אין מײַן הויז הײַנט ביזטו אַ זון, אַ ברודער,
כ׳האָף אַז דו וועסט נישט טײַער באַצאָלן דערפאַר...

איך טראַכט נישט וועגן דיר חלילה מיט רחמנות,
נאָר פאַרוואָס איז מײַן האַרץ איצט אַ גליִענדיקע צוואַנג
— געדענק „די אינזשענירן פון די מענטשלעכע נשמות״,
פאַרגעס נישט קיינמאָל איציק פעפערס לעצטן גאַנג...

יאָ, איך ווייס: דאָס פאַטערל פון די פעלקער
איז מיט שאַנד שוין פאַרדעקט.
נישט איינמאָל האָסטו אין דײַנע לידער אים וואָזשנע דערמאָנט,
דאַכט זיך: פונעם אָפּפאַל־גרוב האָט ער אויסגעשטרעקט
צו דײַן געטאָקטן האַלדז זײַן פאַרבלוטיקטע האַנט...

זײַנע יורשים האָבן דיך געסטראַשעט אין זייערע בריוו:
„פאַרקויפסט זיך צו די שונאים, צום שמוציקן ייִד״
אַ נס, וואָס לענינס קבר איז ווײַט און איז טיף,
און די „פּראַוודאַ״ האָט אים נאָך נישט גערופן: „קאָסמאָפּאָליט״.

סטאַלינס פּינצטערע ירושה — קבֿרים און טיטלען — — —
אפשר וועט דײַן ליד פירן צו אַ ברעקל טאַלק.
זאָג זיי, די ליקווידירערס אין די רויטע קיטלען
אַז נישט שלמה מיכאָעלס געווען אין „אַ שונא פון פאָלק".

זאָג זיי: אַ לאַנד מוז נישט בלײַבן אַ פּוילנדיקער דאָרן:
נישט אייביק דאַרף מען האַלטן דעם מלאך־המוות אַ זאַטן...
זאָלן דײַנע ברויזנדיקע לידער פּאַלמעסן יענע יאָרן
מיטן טיטל דעם באַרימטן: — „מערדער, אין די ווײַסע כאַלאַטן".

וועט נישט נאָר דײַן פאָלק אַליין דיך לויבן מיט די שענסטע מעדאַלן;
(די מערדער האָבן אויף מאַרקישן אויפגעהאַנגען אַ מעדאַל...)
איז דער הימל אַ צעבלוטיקטער, ווי מאַרקיש׳עס קאָפּ געפאַלן,
ווען אַ האָגל פון קוילן האָבן צו דער וואַנט אים געקנאַלט.

כרושטשאָווס געיעג צו די ווײַטסטע פּלאַנעטן
איז אַ שוואַכע טרייסט הײַנט נישט נאָר פאַר מיר...
— ווער דאַרף אויף דער לבֿנה צעשראָקענע געטן
פאַרן „קלינג פונעם גלעקל, פאַרן קלאַפּ אין אַ טיר?"

וועט ערענבורג קריגן אַ טיטל: — „פאָלקס־פאַררעטער"
פאַר עפּעס דעם שלאָס צו זײַן אייגן הויז?
מ׳ווײַסט: ער האָט געלויבט, געדינט אַ סך געטער —
נאָר הײַנט — אַ מענטש אויף דער עלטער — ווער ווייסט...

אויף דיר, יעווטושענקאָ, דו גרויס־בונטאַרער דיכטער,
צעפּראַל די לאַדנס ווו ס׳זשאַווערן לאַנג שוין די ריגלען,
זאָל דײַן לאַנד פאַרמאָגן מער ווי איין ריכטער,
און היימען, פאַריתומטע, מיט פאַרהאַנגענע שפּיגלען...

1963

אין מײַן געביין

גורל מײַנער —
וואַרגנדיקער אומרו.
וועל איך געפינען פאַר דיר אַ תּיקון
ערגעץ וווּ?

אין אַלע שעהען פון מײַנע מעת־לעתן
איז מײַן גוף ווי אין פלאַמען.
כ׳טראָג זיך אויף מײַנע וועגן
אַ באַלאָדענער מיט צער —
וווּנדן פון זשאַר
וואָס וועלן זיך קיינמאָל ניט פאַרהיילן.

צוועלף מיליאָן אויגן
זענען מיר פאַרלאָשן געוואָרן.
איך שפּאַן אויף דערערד
פון תּכריכים און פון אַש.
עס שיידט זיך ניט פון מײַן זכּרון
דער קאָשמאַריקער ציפער
און די אומרו אין מײַן געביין
ווערט טיף און טיפער.

און איך,
אַ פאַרגאַפטער, ביז צו די טרעפּ פון שטיבל,
ווי אין אַ שלאָפלאָזן חלום צוגעשמידט,
אַ ווינטל אויף מײַנע ליפּן
שרײַבט אַ ווייפול ליד.

1981

מײַן שאָטן פֿרירט אויפֿן וועג

ס׳ווערט שיטערער דער וואַלד.
די פֿאַרבליבענע ביימער ציילן די טעג.
מיר ווערט קאַלט — ביטער קאַלט —
מײַן שאָטן פֿרירט אויפֿן וועג.

דאָ האָט געמײַיִקט דער זומער און ווינטער;
אין פֿעלד האָט געבלאַנקט דער אַקער.
די ביימער (אפֿשר וועט זײַן געזינטער) —
נישט צו דערמאָנען וואָס איז אַוועק אין פֿלאַקער...

ווי לאַנג קאָן בלײַבן די נעסט אין וואַלד,
ווו ס׳וואַקסן מער נישט קיין ביימער?
פֿון יעדן שטאָם אַ ווײַטער שאָטן פֿאַלט:
„מיר האָבן געזייט שטיינער — — —"

1951

זוניקע פעדעם

ווי דימענטן געשליפֿן

די שורות פֿון די פֿערזן
ווי דימענטן געשליפֿן,
זיי געפֿלאַנצט אויף בויגנס —
זוניק צעבליט.
ס׳ליכטיקן די לידער
אויך אין טונקעלע טיפֿן
מיט אַ ניגון
וואָס טוט פֿאַרוויגן,
און מיט יעדן אָדער פֿון האַרץ
די ווײַזערס געהיט.

מיט צעגליטע טרערן
כ׳שעפּ פֿון דער שעה
שיכּור צו ווערן :
אָבער קיין זאַטע מינוט
נישט אויף אַ וואָלקן גערוט.

נישט אַלע צעמאָלענע קערנער
האָבן אַ טעם אַ גוטן,
דער ווײַטסטער וועג
פֿאַרזייט מיט דערנער
קלעמט מײַן שפּאָן דעם נישט גערוטן.

1987

לײַכטן ווי שטערן

די לבנה, אַ מידע,
איז הינטער וואָלקנס געשוווּמען
שעהען נאָך האַלבער נאַכט.
אויפֿן הימל די שטערן
זענען שפּעט געקומען
פֿון די ווײַטסטע ספֿערן
גרוסן אונדז געבראַכט.

אין פֿענצטער וואַכן אויף די שויבן
פֿון פֿעדעם, וואָס העלער ווערן.
מיט דער נאַכטיקייט
געזעגענען זיך די שטערן
און כ׳הער אויפֿן דאַך
די פֿליגל פֿון טויבן.

מיטן שרײַבטיש כ׳גרייט זיך שיידן,
דעם זייגערס באַפֿעל כ׳וועל הערן.
די פֿאַרשריבענע בויגנס,
דאָס ליד מיט טרערן וועגן מײַן מאַמע,
כ׳וועל עס נאָך שלײַפֿן:
יעדעס גרעזעלע אויף איר קבר —
לײַכטן זאָל ווי שטערן.

1981

פון האַרצן דער ניגון

אַ ליד ווערט געבוירן
פון פרייד און צער;
פון קוימענס די פונקען
און פון קוילן דער זשאַר.

פון לאָנקעס די גראָזן
מיט טוי אָנגעזויגן,
פון טרויער די טרערן —
נאָדלען אין די אויגן.

פון ימיקע כוואַליעס
אָן אַ רגע פון רוען.
פון זייגער די ווײַזערס —
די שעהען צעגליִען.

פון אָדלערישע פליגל
אין דער הויך מיט גבורה
און פון זילבן אין ווערטער
וואָס צעלויכטן די שורה.

אַ ליד —
פון האַרצן דער ניגון —
שטורעמס באַזיגן...

1983

געקרוינט

אויפן פאַרכמורעטן הימל
דער נאָר־וואָס געבוירענער שטערן
קוקט און שטוינט:
דעם וועג אַהער
האָבן מײַנע ברידערלעך פאַרלוירן
און מיך האָט גאָט
מיט אַ פונק געקרוינט.
דער איינציקער שטערן אויפן הימל
נישט לאַנג איז געבליבן אַליין:
די וואָלקנס וואָס שווימען —
ליכטיקער ווערן,
די הימלישע כּלה,
אין אַ זילבערנעם שלייער —
צו דער חופּה געקומען צוגיין.

1959

אין דמיון

ס׳האָט אַ העלקייט מײַן טישלאָמפּ באַזוימט
מיט שטראַלן פון גילדענע קרוינען.
כ׳האָב געקוקט און געשטוינט
און אין דמיון געפילט —
עס וועט לוינען...

ס׳האָבן אויף בויגן די שורות געשײַנט
און געוואַרעמט מיט פולקייט און ניגון —
די אומרו פון שפּעטנאַכטיקע שעהען
איז ליב מיר אַזוי צו פאַרוויגן.

בילדער האָבן געפלאַמט פאַר מײַן אויג,
און געגליט מיר אין האַרץ מעטאַפאָרן.
אַזוי, ביז די נאַכט איז פאַרגאַן
און אַ טאָג איז געבוירן געוואָרן.

ס׳איז אָפן געווען אין מיר אַלץ,
דער דמיון צעפראַלט ווי אַ טויער.
געבענטשט כ׳האָב די שעהען פון נאַכט —
פרײַ פון אומרו און טרויער.

1982

זוניקע פּעדעם

די שכינה רוט אויפן טאָג —
אַ גאָלדענע קרוין.

וואָלקנס — ווײַסע לײַלעכער
מיט גרוסן פון טײַכן.

די בלויקייט פונעם הימל
איז מיט טיפקייט פון ימען;

שטראַלן — זוניקע פּעדעם —
סטענגעס אויף צווײַגן.

פון ווינטלס וואַרעמע ליפּן
אַ שעפּטשענדיקער ניגון.

דיביימער צעגרינטע,
ווי חופּות אָן שטאַנגען,

און פאַרן כאָר פון די פייגל,
דער פרילינג — אַ דיריגענט —

איז מײַן געמיט אויפן שפּאַציר הײַנט
מיט טעם פון ווײַן אויפן גומען.

1982

טיפער ווי דער ים

צו ש. און שוו.

נישט יעדער מוזיק מײַן אויער איז גערן;
נישט יעדער ליד איז מיר געזאַנג.
תּפילה־ניגון לײַטערט טרערן,
נעמט אַרום מיך מיט גלויבן־געפֿאַנג...

ווי סטרונעס וואָס שפּילן אויס נאָטן
און מײַנע ווערטער אויפֿן ווײַסן פּאַפּיר: —
גאָטעניו! אויב אַ וואָרט איז אין שאָטן
וועט עס בלײַבן ווי אַ שלאָס אויף מײַן טיר?

פֿון שלמהס שיר־השירים־געזאַנגען,
פֿון ירמיהס גורלדיק קלאָגן
ניט איינמאָל פֿון זיי כ׳ווער געפֿאַנגען,
מײַן וואָרט ז׳ניט בכּוח זייער וויזיע דערטראָגן...

וויפֿל יאָרן איז מיר נאָך געבליבן
זוכן דעם פּונק פֿונעם פּלאַם.
— וואָס זייער פֿעדער האָט ניט דערשריבן
איז טיפֿער פֿון ים.

זוניקע שטערן

וועמען גאָט האָט געבענטשט,
מיט אַ האַרץ פון אַ מענטש,
מיט ווייטיק און צער,
טרויערט אויפן בראָך פון
זיבן זוניקע שטערן
וואָס אין קאָסמאָס פאַרשווונדן.

קיין ברעקל,
קיין סימן
פון זייער געביין —
אין ים וועסט נישט געפינען;
אין רגעס דער געשיכטעס
איז די אייביקייט אַנטרונען...

1986

צו די ווײַטסטע שטערן

די שליסלען פון די בראַשיתדיקע טירן
האָט גאָט פון מענטש באַהאַלטן.
אויף קאָסמישע וועגן צו די ווײַטסטע שטערן
געיובלט האָבן די אַטאָמען אין באַשאַפערס געשטאַלטן.

הײַנט פרעגט די לבֿנה בײַם ווײַטסטן פּלאַנעט:
צו וואָס האָט גאָט **איינשטיינען** דעם סוד געלאָזט באַקענען?
אויף דר׳ערד ברענען זיי זייערע שטעט,
וועלן זיי אויך **דאָ** קומען ברענען?..

1946

מײַן טיר

איך געהער ניט צו קײנעם,
די גאַנצע װעלט צו מיר.
ניט מיט שטײנער
עפֿן איך אַ טיר...

מײַן טיר איז געשטאַנען אָפֿן,
הײַנט שװײַגט זי הינטערן שלאָס...
מײַן טרער האָט הײַנט געטראָפֿן
צום װײַן אין כּוס...

1964

אויפֿן ימיקן הימל

דער ווינט, אַ בייזער,
האָט דעם אָטעם פֿאַרלוירן
און אַוועק איז אַ מידער
אויף זײַן געלעגער רוען.
פֿרי האָט דער טאָג —
די נאַכטשײַן געבוירן
און ערגעץ ווו —
די נאָך־ליכטיקע שעהען

אויפֿן הימל נאָכן רעגן —
טיר־און־טויערן אָפֿן.
די לבֿנה,
ווי פֿון היטל אַ דאַשיק
די שטערן מיט ליבשאַפֿט
קומען איר אַנטקעגן
און מיט קאָסמיש בלוט —
ראַשיק!

אויף מײַן לאַנגן שפּאַציר
כ׳בין נישט אַליין:
מײַן יונגע געליבטע
גאָר פֿרי צו מיר געקומען.
די נאַכט איז נאָך יונג
ווי פּאָר מײַנע אויגן די שטערן,
אויפֿן ימיקן הימל —
מיט דער לבֿנה זיי שווימען.

1982

מיט זוניקייט צעבליט

אויפֿן שטערנהימל
אַ גן־עדן־דאַר
מיט דער בראשית־חלה
וואָס האָט געפֿינקלט אין משה נאַדירס לשון
און אין מאַנגערס זוניקער
לידער־שפּראַך.

וואָלקן־קאַרבן אויף בויגנס
אין זילבער געמאָלן.
כּישוף־בערג און טאָלן
ווערן
אויפֿן הימל געבוירן.

די לבֿנה פֿאַרשווינדט
און אויף אַ שטערנבריק זי קומט צוריק;
איר מצה־שמורה־פּנים
פֿון קלעטערן און שווימען
איז בלאַס און איז מיד,
מיט בענקשאַפֿט זי זוכט דעם שפּראַץ
פֿון אַ נײַעם באַגינען —
מיט זוניקייט צעבליט...

1985

דעם לעצטן שטערן

די קעצישע פּוילקייט וואָס אָפּטמאָל מיך באַפאַלט
פּרווו איך אין אַ נאָרע באַהאַלטן.
דער זייגער, אַפּאַטיש, דעם טיק־טאַק, פאַרהאַלט,
ווי ר׳וואָלט וועלן די סעקונדן אויף חלקים צעטיילן...

אויף מײַנע שויבן חלשן די פאַרבליבענע טרערן,
פון דראָבנעם רעגנדל סימנים,
זיי ציטערן, האַלטן אין ניט־ווערן,
ווי אין שפּיגל דער גענעץ אויף מײַן פּנים.

אויפן שרײַבטיש אומעטיקט דער בויגן פּאַפּיר
מיט עטלעכע פאַריתומטע שורות:
זיי וואַרטן — מאָנען אַ תּיקון בײַ מיר
וואָס האָב מיטן נעכטן געשלאָגן כּפּרות.

אינעם אָפענעם בוך אַ וואָרט ניט פאַרשטיין:
דער קלוגיטשקער דיכטער מוח׳ט מאָדערן.
מיטן בעל־דברן אין זײַן דזשאָנגל ווילט זיך ניט גיין,
נישט יאָגן זיך נאָך זײַן וואָגן דעם לערן...

כ׳האָב די ראַדיאָ בײַם בעט נאָרוואָס פאַרדרייט:
אַ קול וואָס ליגנערט אַ קלאָרן צו פאַרדולן.
נישטאָ קיין שיינקייט אין פּוסטע רייד
וואָס קאָנען פאַרפּלייצן טאָלן.

מײַן טעלעפאָן רעדט — כ׳ריר אים נישט אָן,
מעגלער אַ קול וואָס כ׳וויל גאָר נישט הערן —
פונעם שטאַרבנדיקן טאָג באַגלייט ס׳רייפּטל זון
וועט געוויס נאָך באַגלייטן דעם לעצטן שטערן.

די מאָס פון מאָסן

דאָס ניט־דערזאָגטע גרונטיקט טיף :
אַ מאָנענדיקער בליק איז ימיק.
די כוואַליע וואָס קושט די שיף
איז ווי ליבשאַפט וואָס אָפטמאָל — סַמיק.

דער ווינט שנײַדט — נעמט מיט דעם שניט —
אויף זײַנע ווינטישע פליגל.
די בלום וואָס האָט אָפּגעבליט
צעברעכט דעם זומער־שפּיגל.

בין איך זעלטן ווען געגאַרט :
איך ווייס די מאָס פון מאָסן.
— אַמאָל בין איך ווי אַ קראָליק פאַרשפּאַרט
און ווייטיק טיילמאָל דעם וויי פון אַ לויתן.

1969

בײַם מנין

אַרום מײַן זומער־שטיבל
פון די יונגע ביימלעך,
כ׳בין מקנא די בלעטלעך
די שעפּטשענדיקע שטילע,
און זייערע דין־דינע אָדערלעך —
צויבערלעך פֿאַרבאָרגן.
מיט שפּראָץ פון באַגינען
כ׳האָב געהערט זייער תּפילה —
געווען בײַם מנין,
אינעם בלאָען פרימאָרגן.

1982

שאָטנדיק

כ׳בין דער בלי פון דיביימער
און דער שאָטן ביי די שטאַמען.
אויב דו טרעפסט אין סאָד אַ שומר —
מיין נאָמען מעגסטו גלייך דערמאַנען.

כ׳האָב געציילט אויף דר׳ערד די עפּל
פון ווערים איינגעביסן,
פאַרוואָס האָט אין סאָד דער געדיכטער נעפּל
פון מיר שטיקער געריסן?..

1961

אָן אַ צאַם

אין אַ מאָדערנעם מוזיי
כ׳באַוווּנדער אַ בילד
וואָס צווישן בילדער פאַראַן —
מיט צויבער אָן אַ צאַם.

די געטאָקטע פיגור —
אַ באַקרוינטע בלום
מיט פורפור־קאָליר אויגן.
אירע שניי־ווייַסע בריסטן
אָן פליגל — יונגע טויבן
פולע מיט תאווה.
נאַקעטע בחורים
אויף גאָלדענע שטראַלן שווימען
מיט ליכטיקע בלויקייט באַצויגן.
זונרויזן שווימען אויפן ים;
אויף אַ פוכיקן וואָלקן
לייַכט אַ גרינער באַרג בייַ אַ טאָל.
ציגעלער און שעפסעלער
אויפן באַרג אָן אַ צאָל,
פול מיט כּישופדיקע דימענטן
דער ימיקער שפּיגל.
אַרום די כוואַליקע טרעפּ —
רעדער פון געפלאָכטענע צעפּ
וויגן די גאָרנדיקע שיף
מיט מעוועס אַרומגענומען.

נאָענט פון ברעג
די געטאָקטע פיגור גייט אַוועק.
די שיף האַלט אין קומען.

אין אַ קונסט־טעמפּל אין רוים

אין רוימישן קונסט־טעמפּל טורעמט זײַן שטיינגעביין
ווי אויפן הר־סיני ער וואָלט געזעסן:
ווער ס׳ווייסט זײַן באַטײַט דעם אָטעם פאַרהאַלט
און פון רגעס ווערן מעת־לעתן.

זײַן בליק איז שאַרף — אַ בליץ בײַנאַכט,
אויך מיכאל אַנדזשעלאָ האָט דעם שטורעם ניט באַהאַלטן.
אויב אַ דונער וואָלט דאָ אַראָפּגעקראַכט —
וואָלט משהס אָרעם דעם דונער צעשפּאָלטן.

איבער אַלע קונסט־אוצרות קעניגט דער גיגאַנט —
דעם גאַנצן מוזיי האָט ער אַרומגענומען.
מיט די באַזונטע לוחות אין זײַן שטיינהאַנט,
פעלט אים די רו וואָס כ׳זוך אין זײַן פּנים.

אַדלעריש זײַן פּאָזע אויפן גראַניט־פּיעדעסטאַל —
דאַכט זיך: אָט ווערט ער באַפליגלט!
אויב אַמאָל וועט נאָך פאַלן איין זוניקער שטראַל,
וועט ער טרעפן זײַן פּנים — עס לאָזן פאַרעיגולט.

אָט עפנט ער די ליפּן — דונערן וועט זײַן באַפעל
ווי אַמאָל ער האָט באַפוילן:
„מיין פאָלק פון אלוקים
האָט געענוג שוין געליטן פון גרוילן!״

נאָך הייסער ווי די זון וועט פלאַמען זײַן צאָרן:
פון פּרעהס שקלאַפנפּויסט ס׳קנעכט־פאָלק פאַרקלעמט,
אַ נייער משה ווערט געבאָרן,
דער אָפּשטאַם זײַנער — אים איז ניט פרעמד.

לויטערט זײַן ציל: — מיט פעלקער גלײַך, זײַן פאָלק וועט זײַן.
אויף אמונה־פליגל די עבדים דערהויבן.
זײַן שווייס — אײַנגעקנאָטן אין ליים,
בײַם דערוועקן אין די קנעכט דעם אבותדיקן גלויבן.

ווי לאַנג ס׳איז באַשערט דעם וועלט־פּלאַנעט
פאַרבלײַבן אונטער דער זון ערד־ימיש;
וועט בענטשן און לויבן דעם באַפרײַער־פּראָפעט
דאָס פאָלק זײַנס וואָס וואָרצלט טיף־ייִדיש.

טוריסטן באַוווּנדערן „מאָזעסן״ אין שטיין,
איך זע משהן טראָגן די לוחות.
ער איז בלוט און פלייש און גראַניטגעביין,
וואָס קומט מיט דער געטלעכער שליחות.

פערציק מעת־לעתן האָט ער די אותיות געקריצט —
יעדער אות — אַן אייביקער קוואַל — אַ וועלט־זינען!
אַ תּפילה מײַן דימיון צעבליצט,
ווי כ׳וואָלט צום עמוד־האש צוגעקומען.

אין התפעלות, איך הער אַ שטימע, אַ שטראַליק־דינע,
ווי משהס שטיינליפּן וואָלטן זיך גענומען באַוועגן:
אויף זײַנע וויַעס רוט גאָטס אָטעמדיקע שכינה,
און אַברהם־אָבינו קומט אים אַנטקעגן.

מיט געטובלטע הענט באַריר איך זײַנע פיס
און בלײַב שטיין פאַר אים דעם קאָפּ פאַרריסן:
— משה, אויף מײַנע ליפּן דער ישראל־טעם איז זיס
איך ברענג דיר מיליאָניקע גרוסן.

גלות און דלות איז מער ניט קיין צווילינג —
זייערע זאָטע טישן עדות דאָ זאָגן:
דעם צוויי טויזנט יאָריקן פרילינג
די מדינה האַלט אין דעריאָגן.

קיין שטיינדעלע דאָרט ווערט ניט פאַרלוירן — ס׳דינט פאַר אַ גאַס.
פון אַ זעמדעלע — אַן אויסגעבאַקענער ציגל.
שטעט און שטעטלעך, מיטן צויבער פון צפת,
עפענען פונעם מידבר דעם זיגל.

צו יעדן פאַרבאָרגענעם קוואַל, אינעם באַרגיקן סוד
די פאַרהאַרטעוועטע סאַברעס וועלן דעם שליסל געפינען.
נאָר דיך האָט באַשטראָפט דער ייִדישער גאָט
פאַרוואָס האָסט וואַסער פונעם שטיין אַרויסגעשלאָגן.

1961

ליבטיקע געשטאַלטן

מיט דעם וואָס כ׳בין געבענטשט
איז קיין וואָג ניטאָ,
קיין מאָס —
מײַן פרייד צו מעסטן.

זינג איך פון זיי
מיט מײַנע זינגער־ברידער,
און זינגען נאָך כ׳וועל פון זיי לידער —

באַשערט געווען איז זיי צו אַנטרינען
פון היטלערס פײַערן,
פון סטאַלינס קוילן;
באַשערט געווען איז זיי
אַ היים געפינען,
אַ לעבן —
נאָך אַזוי פיל פּײַן און גרוילן.

ס׳טראָגן לידער זיך מיט גרוסן איבער אָקעאַנען
און בריוו מיט אומעט און מיט פרייד —
סאַראַ נאָענטקייט ס׳איז פון דער ווײַט
צווישן אונדז פאַראַנען;
וויפל לידער־רײַכקייט
צו באַטאָוולען איז נאָך גרייט.
אָ, וויפל...

1963

אַלבערט אײנשטײן

די װעלט איז הײַנט פֿאַריתומט געװאָרן.
פֿאַריתומט אונדזער ערד — דער פּלאַנעט.
פֿון אַלע הימלען די װײַטסטע שטערן
פֿאַרן גאון האָבן פֿאַרגרייט אַ בעט.

װעט זײַן מידער גוף דאָרט רוען
דורך אַלע דורותדיקע מעת־לעתן;
װי אָן דער זון קאָן גאָרנישט בליִען,
אַזוי װעט זיין נאָמען נישט װערן פֿאַרגעסן.

װײַל מיליאָנען־יאָריקע נאַכט
האָט ער באַלויכטן מיט אַלע זונען,
און די פֿעלקער אַ טרייסט געבראַכט —
זײַן װאָרט װי שלום־פּאָנען.

ער האָט אַנטפּלעקט די קראַפט פֿון די אַטאָמען —
נאָר ניט דעם טויט
האָט ער געװאָלט אין זיי געפֿינען,
נאָר אויסשפּרייטן פֿאַר אונדז
די העלקייט פֿון אַ שטראַליקן באַגינען.

װײַל טיף איז געװען
זײַן ליבשאַפט צו מענטשן,
טיף אַזוי און ריַין,
װי די טיפֿענישן פֿון ימען,
װעט בלײַבן שוין זײַן נאָמען
אויף אייביק אונדז אַ בענטשונג —

ווײַל גוט,
אָ, ווי גוט
דאָס פֿאָלק האָט אים פֿאַרשטאַנען.

ווײַל דאָרט ווּ פֿרײַהייט איז אין קאָן געשטאַנען,
האָט ער, מיט מוט נביאישן
די פֿאָנען פֿון זײַן גייסט געהויבן
און אייביק,
אייביק וועט מענטש דערפֿאַר אים לויבן.

1955

אַ ספר

(אַ. טאַבאַטשניקו, פאַרן בוך: „דיכטער און דיכטונג")

דאָס אמתע וואָרט איז מער ווי אַ דאַנק,
אויב דער מענטש פאַרדינט זיך לויבן;
אַ שיר־השירימדיק געזאַנג
איז ווײַן פון רײַפע טרויבן.

גוטער ווײַן איז גוט אין יעדן כּוס.
ס׳טיפסטע וואָרט בלײַבט קלאָר און אָפן,
ווען דער קלאַנג פון יעדן אות
האָט זײַן אָרט אין כּאָר געטראָפן.

אַז איינער רעדט מיט אַן אָפן האַרץ,
וועט אויך פון מידבר זײַן קול זיך הערן;
אויב דער הימל אַמאָל איז ווי קוילן שוואַרץ,
פאַרלאָשן זענען ניט די שטערן...

מיט וואָרט האָט גאָט באַשאַפן די וועלט,
ווייל דער מענטש פון וואָרט דעם סוד אַנטדעקן;
ווען ס׳איז וואָרט ס׳איז זוניק צעהעלט,
די טיפסטע סודות וועט אַנטפּלעקן...

אויב אַ בוך איז ווי אַ קוואַל,
ווערט דער מענטש מיטן בוך בײַ־געבוירן:
ס׳לויטערע וואָרט, ווי אַ זוניקער שטראַל,
ווערט קיינמאָל ניט פאַרלוירן...

1968

צום מײַסטער פֿון ליד

איציק מאַנגערן לזכר

אויב אַ ליד איז ווי ווײַן אויף מײַן גומען,
בענטש איך דעם שעפּערס נאָמען.

די מידקייט אין די ביינער,
וואָס כ׳האָב פֿון שאָפּ געבראַכט,
צערינט
ווי ס׳לעצטע בערגעלע שניי,
ווען אויף די זון האָט זיך אויסגעטאָן ס׳העמד...

מיט זעטיקער רו איז פֿול די נאַכט
ביז דער לעצטער שטערן פֿאַרשווינדט.
כ׳פֿיל זיך יינגער מיט אַ צענדליק יאָר.

גלייב ניט דעם שפּיגל —
די האָר מײַנע די גרויע.
כ׳בין זיך נישט פֿרעמד;
כ׳האָב זיך דערקענט...

די ווײַט־ווײַטסטע ווײַטן נעם איך אַרום.
אויף יעדער גרענעץ — אַ פֿרײַהייט־פֿאָן!
אויף פֿליגל רויט מײַן געמיט:
אַזוי ווערט אויך געבוירן מײַן ליד.

אויב אַ ליד איז ווי ווײַן אויף מײַן גומען
בענטש איך דעם שעפּערס נאָמען.

1966

יעקב גלאַטשטיין

פון ווערטער נעמט ער דאָס גינגאָלד
צו באַלײַכטן מאַמע־לשון,
זײַנע רייד — געטאָקט און געשליפן:
אַ נײַ־געבוירן וואָרט
קריגט בײַ אים אַ תּיקון.

„יאַשס" „גאַנצע מי" —
אַ דורותדיקע, פאָלקישע ירושה.
אין זײַן האַרץ
איז אײַנגענעסטיקט
לובלין.

די בית־עולמס — די חורבע שטעטלעך:
„ס'בלײַען קברים פון דער גאַנצער
פאַרטיליקטער ייִדישער וועלט,
אין די דלת אַמות פון מײַן געצעלט".
— אָ, בורא!
פאַרוואָס האָסטו די רציחה פאַרשוויגן?
האָסט פון די לוחות פאַרמעקט
דעם „לא תרצח"
אין די אויוונס פאַרברענט דײַן גנאָד.
אָ, בורא!
ס'פעלט אַ פסוק אין משהס תּורה:
„אָן ייִדן וועט נישט זײַן קיין ייִדישער גאָט".

1970

דער געבענטשטער

— איטשע גאָלדבערגן, צו זײַן באַערט ווערן
מיטן מאַנגער־פּרײַז.

ער איז געבענטשט פון דער השגחה
מיט געראַנגל און מיט ברכות:
זײַן יעדער זילב זאָל זײַן אַן אוצר
כּביכול — אַן אות פון די לוחות.
מיט הייסן ריטעם פון זײַן האַרץ
זענען געשליפן זײַנע רייד
און זיי לײַכטן ווי די רינגען
פון אונדזער גאָלדענער קייט.

זײַנע לידער, אַן גראַמען,
אין זײַד אָנגעקליידט,
שימערירן ווי די שטערן
פון נאָענט און פון ווײַט.
זײַן זאַפטיקער ניגון
וואָס איז מחיהדיק צו הערן,
איז ווי טרעפּ אויף פליגל
אויפן וועג צו די שטערן.

זײַן קלאָרקייט מאַכט נאָענט —
אַ מאַמע בײַם וויגל,
יעדער רעיון בײַ אים געבוויט איז
ווי פון גראַניטענע ציגל.
ער מאָלט אונדז בערג
און די טיפקייט פון טאָל
ווי מיט אַ פּענדזל אויף לײַוונט —
מיט פאַרבן אייביקע
פון הײַנט און פון אַמאָל.

צו אַ נײַעם מאָרגן

— יעקב צבי שאַרגעלן

ער —
אַ פון גאָט געבענטשטער.
די שורות פון זײַנע סטראָפן
מיט זײַן אײגענער פען —
דימענטן געשליפן;
זײַנע לידער געפלאַנצטע
פרי־מאָרגנדיק צעבליט,
לײַכטן און לײַכטן
אויך אין טיפסטע טיפן
מיטן ניגון וואָס פאַרוויגן
אַלע אָדערן אין האַרץ.
און אַלץ ער טוט פאַרהיטן
פאַרן נײַעם מאָרגן.

1985

ווי אַ שטיין

אין אַ שפּעטערער שעה, אַליין,
די ווײַזערס זענען אויף שוין מיד.
לייען איך נאָכאַמאָל וואָס כ׳האָב געשריבן:
אַ שורה אין אַ ליד, —
— אַ מענטש אַליין איז ווי אַ שטיין.

די ליולקע אויסגעזויגען —
אַ טרוקענער ביין.
קיין ברעקל טאַבאַק ניט פאַרהיט.
כ׳מעק וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן,
ס׳איז קוים געבליבן אַ שורה פאַר אַ ליד:
— אַ מענטש אַליין איז ווי אַ שטיין.

פון שכנס הויז טראָגט זיך אַ קינדס געוויין.
כ׳בלײַב בײַם טיש ווי געשמידט:
כ׳האָב שעהען־לאַנג געמעקט, געשריבן
און אַלץ וואָס איז געבליבן
איז אַ נאָמען פאַר אַ ליד:
— אַ מענטש אַליין איז ווי אַ שטיין.

מײַן זון איז ווײַט,
מסתּמא אויך אַליין:
אים אַ בריוול נאָר־וואָס אָנגעשריבן —
כ׳האָב די דאַטע געהיט.
אפשר איז איצט מיר געבליבן
אַ שורה פאַר אַ ליד:
— נישט יעדער מענטש אַליין
איז ווי אַ שטיין.

1956

אַ רגע רו

בײַם מאָרגן
אַ זעקעלע זאַלץ
וועל איך באָרגן,
אויף יאָרן עס זאָל סטײַען
אָן ווייען.

נישט אַלע צעמאָלענע קערנער
האָבן אַ בעסערן טעם.
דער ווײַטסטער וועג
הייבט זיך אָן
מיט דעם ערשטן שפּאַן.

אין אַ רגע רו
קאָן ליגן אַ נײַער באַגינען
וואָס דורך יאָרן, יאָרן
וועל איך אפשר אים געפינען.

1978

צעוועקט אין זכּרון

מײַן תּפֿילה

איך בעט,
און פֿון בעטן
מיד איך זאָל ניט ווערן,
מײַן קול, דאָס שעפּטשנדיק שטילע,
אויערן זאָלן הערן.

פֿון מײַנע ליפּן די ווערטער
דעם גורל צו באַשערן,
עס זאָלן הערצער אָן שלעסער
די כּוונות דערהערן.

וואָרעם תּפֿילות פֿון אַ האַרץ
אײַנגעטונקענע אין טרערן,
איז אַמאָל דאָך באַשערט
דער בורא זאָל זיי הערן.

איז וויפֿל מיר געגעבן וועט
מײַן ניגון זאָל ניט פֿאַרצערן,
וועל איך אַלע פֿייגל אין די הימלען
מיט מײַן תּפֿילה זיי באַשווערן.

דער כּוח פֿון וויסן

דער כּוח פֿון וויסן
ליגט אין פֿאַרשטיין:
עס לעבט נישט אַ מענטש
נאָר פֿאַר זיך אַליין.
איז באַשערט אַזאַ מענטש,
פֿון גאָט זײַן געבענטשט,
אַ קלאָרקייט צו זען
ווי אַ פֿונק פֿון אַ האַרץ
קאָן שפּאַלטן אַ שטיין.

זוניק איז די ווײַט,
אַפֿילו בײַ נאַכט,
ווען וואָלקנס, ווי טינט,
פֿאַרדעקן די שטערן;
דער הימלישער טויער
אים בלײַבט נישט פֿאַרמאַכט.
ער קאָן אינעם ווינט
דערהערן די צײַט
און דערקענען אַ וועלט —
אינעם בלישטש פֿון די שטערן...

1986

צוויי געסט

מײַן מוט האָט דערהויבן צוויי געסט
וואָס האָבן אַ היים געטראָפן:
דאָ געפינען זיי וועלן אַ נעסט —
אַ זיכער אָרט צו שלאָפן.

מסתּם זיי קומען פון גאָר ווײַט,
אויף וועגן געזוכט אַ ביסן;
עסן פאַר זיי כ׳האָב גרייט —
מיט די קעפּלעך זיי טוען מיך באַגריסן.

נישט איך פאַרשטיי זייער שפּראַך,
פון מײַן פּײַפן — אויפן טעלער זיי טאַנצן,
אַלס יינגל אין שטעטל, אויף אונדזער שטיבלס דאַך,
באַצערט מיט די שענסטע קראַנצן.

פּאַמעלעך זענען די ווײַזערס אַוועק.
די נאַכטיקייט גענומען גלעטן די שויבן.
ווערטער אויף מײַנע ליפּן כ׳מעסט זיי אין וועג —
אַ ליד פאַר די געסט — צוויי יונגע טויבן.

1974

עדות די געגנטן

עס וועלקן די בלעטער אויפֿן איינזאַמען בוים,
צווישן ברוכוואַרג און שטיינער פֿאַרקלעמט:
מאַכטלאָז וויגן זיך די צווײַגן קוים,
אויף דער חרובער גאַס באַליידיקט, פֿאַרשעמט...

אַמאָל, עס האָט מער ווי איין בוים דאָ געבליט
און צעליכטיקט די הײַזער מיט פֿייגל־כאָרן;
עס האָט יעדער זײַן היים אָן פּחד געהיט
און געזען דעם מאָרגן אַ קלאָרן.

זענען געקומען טעג ווי כוואַליעס פֿון ים
וואָס האָבן צעגריזשעט דעם ברעג.
צעבושעוועטע שטורעמס פֿאַרהאַלטן ניט קיין צאַם —
זיי ברעכן דורך בערג זיך אַ וועג.

ס׳האָבן פֿאַרחושכט די שטאָט די פֿייגל פֿון די ווײַטן:
ניט זיי האָבן געדאַרפֿט אַ פּאַספּאָרט...
ווו מ׳האָט יאָרן געוווינט, דעם אַדרעס געמוזט בײַטן —
צוליב שאַטנס וואָס פֿאַרטונקעלן ס׳ליכטיקסטע אָרט...

אין די אויסגעהוילטע הײַזער מיט פֿאַרלאָשענע אויגן
איז שוין קיין איינציקע שויב ניט געבליבן:
ווילדע ברואים קאָנען אויך אַ טורעם צעשטויבן,
עדות די געגנטן ווו זיי האָבן זיך פֿאַרקליבן.

1983

אַ קאָשמאַר

אַ קאָשמאַר האָט צעוועקט מיך אין גרויען באַגינען,
כ'האָב דערהערט אַ ווילדן גערויש פון מאַשינען
און דערזען
דאָס צעפליגלטע פאָכען פון צענדליקער הענט.
צווישן זיי —
האָב איך גלײַך אויך זײַן פּרצוף דערקענט
און דערהערט זײַנע ווילדע געשרייען.

ביז איך אַראָפּ פון געלעגער,
צעעפנט דאָס פענצטער.
דער טוי האָט מיט קילקייט
געהילט נאָך די וועגן,
און איך האָב זיך טיף און נאַכטיק
פאַר דער שטילקייט פאַרנייגט.

1981

בלוט

גאָרניט איז נײַ אויף דער וועלט.
ניט דאָס פּנים פון דער זון
וואָס אַ וואָלקן האָט פאַרשטעלט,
און ניט אַן אָטעם וואָס עמעצן אויסגעפּעלט;

ניט גהינום געוואָרן איז קאַלט
און ניט גן־עדן געוואָרן איז צעבערענט,
און ניט דער ווינט האָט אַ שטערן אויסגעלאָשן
און דעם הימל, דעם לויטערן, פאַרשעמט.

דאָס האָט קין, דער מענטש, בלוט פאַרגאָסן —
זיין אייגענער ברודער געווען איז דער קרבן,
בעת דאָס שטאַרבן געווען איז אונטער שלאָס פאַרשלאָסן
האָט דער מאָרד די מענטשהייט פאַרדאָרבן.

דער „ים פון געזאַלצענע טרערן"
וועט קיין מאָל, קיין מאָל ניט פול,
ווײַל קיינער אין הימל וויל ניט הערן
די קולות וברקים פון יאָמערטאָל...

ניט ווי צווייַגן...

זייַן נאָמען —
נישט איך וועל דערמאָנען —
ניט פאַרטונקלען דעם בויגן פּאַפּיר.
ס׳גליטשט זיך זייַן צונג,
ווייסט ניט פון צאַמען;
איך פּרוּוו איצט פאַרגעסן
וואָס שפּעט בייַנאַכט גערעדט ר׳האָט צו מיר:

„...איך בין באַשיידן,
דו — ניט!...
אַ שרייבטיש אויף מיר וואַרט אין גן־עדן,
פאַר יעדער שורה
פון מייַן ליד!...
אויף מייַנע וועגן
טאַנצט נישט קיין שאָטן.
מיט ציין פון זעגן
שאַרף איך נאָטן!"

נאָכן לייענען זייַן בוך
געדאַרפט וואָלט איך שווייַגן:
שטיינער מיט מאָך
וויגן זיך ניט ווי צווייַגן...

1984

דאָס פּאַרמשטיבל

אוי, ווי איך בענק נאָך דיר,
פּאַרמשטיבל מײַנס,
וווּ ניט איין מאָל כ'האָב אין דיר געררוט
אין שווילע יולי־טעג.
אין דיר כ'האָב אין ניו־יאָרק פֿאַרגעסן,
וווּ טורעמס אין די גאַסן
פֿון פֿײַער אויסגעקנאָטן.

כ'האָב מיט דער שטאָט זיך געזעגנט,
מיט דעם זודיקן קעסל,
נאָר ניט פֿאַרגעסן כ'האָב דעם שאָפּ
אין יענעם שמאָלניקן געסל,
און ניט די „סינגער״־מאַשין
וואָס בײַם פֿענצטער איז געשטאַנען.

פֿון ניט רוען אויפֿן פֿאַרם
מיד איך בין געוואָרן,
פֿון שפּאַנען אויף סטעזשקעס
פֿון גראָזן ווי זײַד,
אויף די פֿעלדער און לאָנקעס
מיט שטראַלן באַקליידטע,
ווי בלויז פֿאַר מיר אָנגעגרייט...

אַ צווײַג פֿון אַ סאָסנעבוים
מײַן שאָטן צעשפּאַלט,
כ'גאַף אויף אַ וואָלקן פֿונעם טרוים
וואָס גראָ־בלאָ געקליידט
ער שווימט פֿלינק צו צום ים
מיט גיריקער פֿרייד...

איך ווייס ניט צי דער דונער
האָט דאָס געעפנט קראַנען אינעם הימל,
כ׳פיל בלויז ווי עס ציטערן די צווײַגן אין וואַלד
און איך פיל דעם רעגן וואָס איז פּלוצעם געקומען —
ער פּליוכעט מיר אין פּנים
און טרינקט־אָן מײַן וועג.

די טאָגיקע שעהען
האָבן נאַכטיקייט געפונען,
בלויז די בערג אַרום דער פאַרם
זענען געקליידט אין שאָטנס,
אַרום שטיבל אויפן פאַרם
ווי פון אַן־צאָליקע זונען
קומען שטראַלן באַגריסן
דעם נײַעם באַגינען.

1973

צעוועקט אין זכּרון

בײַם אָפּענעם קליידער־שאַנק,
שטיין איך בין געבליבן
מיט פרייד און מיט שרעק,
וואָס נאָר **אים**, מײַן מונדיר,
כ׳האָב אויסגעקליבן —
היטן ווי אַ סוווענירֿ —
פון ניט־פרייליכע טעג.

אַ בליץ אין געדאַנק
האָט צעוועקט אין זכּרון
דעם פלאַם פון יאָרן.
ער איז מײַן עדות
מיט טויזנט אויגן:
אַז יעדער פאָדעם אין אים
האָט מײַן פּחד אָנגעזויגן.

איצט שווײַגן מיר,
מיט אַ קול וואָס איז העכער
ווי די קוילן פון באַזוקעס,
פון טאַנקען און קאַנאָנען.

איך גלעט זײַנע קנייטשן,
די פאַרביסענע עקשנים,
זיי זענען די טײַטשן
פון נאָרמאַנדיס נאָמען.

1982

בײַם קלאָרן זינען

כ׳מײַד אויס די אָפּיסטורעמס ביז די וואָלקן־הײכן:
ניו־יאָרקער גולמס, אָן פענצטער, אָן שויבן.
די בויערשע זשעדנעקייטן, גרויסע רווחים גרייכן
פון דער אַרכיטעקטור דעם מאַרך אויסגעזויגן.

אין די טורמעס זעט מען נישט דעם בײַט פון סעזאָנען.
אַפּילו ס׳אָטעמען — אין מאָטאָרן איז געווענדט:
פאַרוואָס זאָל דער שפּיגל פון זוניקן פּנים
אין מאָדערנעם שטײַג — פאַרן מענטש — זײַן פרעמד?

די בלינדע טורעמס פאַרמיאוסן גאַסן און סקווערן,
איך אַטלויף פון קברים מיט נעאָ־ליכטשטראָמען.
בײַ נאָרעס פאַר די געפאַנגענע בערן
איז אָפּטמאָל מיר לײַכטער אַ נײַגעריק שפּאַנען.

אין די פּירקאַנטיקע קאַסטנס פון ציגל און שטאָל
פאַר אַ טראָפּן זונגאָלד האָט מען קיין אָרט ניט געפונען.
אויב אויף יענע דעבער וועלן דונערס לאַכן אַמאָל
וועל איך וויסן: נאָר די שטורעמס זענען בײַם קלאָרן זינען...

1975

ווי חופּות אָן שטאַנגען

ווי פּוסטע סאָבוועי־טונעלן
די ביַינאַכטיקע גאַסן:
אָן ליכט די פענצטער
די טירן — מיט שטאָבעס און שלעסער.

פול איז מיַין געגנט
מיט טונקעלע ערטער,
ווו פּאָרלעך יונגע
פליִען צוזאַמען;
זייערע פינגער און ליפּן
רעדן אָן לשון,
מיט אַ גליִענדיקן אָטעם.

אונטער צוויַיגן געדיכטע,
ווי חופּות אָן שטאַנגען,
די שאָטנס פאַרוויגן
די תאווה,
און לעשן דעם גלי פון פאַרלאַנגען.

1982

אַ צווילינג

...פֿון גיין אויף אַ דרך
מיט פֿאַרלאָשענע שטערן
וועמענס האַרץ וועט ליכטיק ווערן ?

אַ נביא מ׳דאַרף זײַן
די צאָל מאָדערנע פּאָעטן
זייערע קנוילן־פּלאָנטערס צו פֿאַרשטיין.

אויב אַפֿילו העכער ווי אַ גאָרן
זייערע וועגענער ווי אויף קוליעס,
וועט אַ בעל־מוח מיט זיי פֿאָרן ?

ליכטיקע שירים, אַפֿילו אָן העמדער־גראַמען,
פֿון זיי בלײַבט רוען אויפֿן גומען
די זיסע טעמים.

פֿרײַ פֿון אַ גבורהדיקן ריגל
זענען זילבערנע זאַלבן
אויף אַ זוניקן שפּיגל.

כ׳באַדויער וואָס כ׳האָב ניט פֿאַרנעסט אין געביין
אַ צאָל פֿרעמדע שפּראַכן —
בלויז ניגונים אויף מאַמע־לשון — ייִדיש,
מיט מאָדערן — אַ צווילינג —
וועט ווער מאַכן קידוש ?

1981

צום שטעטעלע

דיר איז נאָך נישט באַשערט דאָס גליק און די פרייד
צו פאַרגעסן אויף אייביק דעם גרויל פון פּאָגראָמען...
ביים נאַרעוו * ביזטו געבונדן און צעבײַלט —
גליט נאָך הייסער אין מיר איצט דײַן נאָמען.

ניט ווײַל מײַן וויגל איז דאָרטן געשטאַנען
און ניט ווײַל כ׳בין ווילד געוואָקסן אויף דײַנע גאַסן;
נאָר ווײַל כ׳האָב שוין אײַנמאָל געזען דיך אין פלאַמען
ווען מיר זענען אין אַנגסטן געלעגן אין קעלער אין נאַסן.

שטעטעלע אין לאַפּטשעס און לאַטעס, —
אַזוי האָבן דיך די פּאַנעס געקליידט,
און די בעבעכעס געשלעפּט פון די הילצערנע כאַטעס —
און דיר איז ניט באַשערט געווען דאָס גליק און די פרייד.

ניי-געבוירן וואָלט געווען מײַן שוועסטער מיט אירע קינדער,
אויף זייער גורל וואָלט די מאַמע דאָ מער ניט געדאַרפט קלאָגן.
דער משפחה וואָלט איך געבראַכט בלומען —
ווען כ׳וואָלט קאָנען די בשורה, די פריילעכע, זיי אָנזאָגן...

נאָר אַ שטיק שוואַרצן פלעק זע איך איצט אויף דער מאַפּע,
און דיר, מײַן שטעטעלע, — כאַטש ווי אַ פינטעלע די גרויס —
שטיקט און וואַרגט די ברוינע, מערדערישע לאַפּע,
שרייסטו און מאַנסט דורך מיר אַרויס.

---

* נאַרעוו — אַ טײַך.

באַגיסן זיך מײַנע באַקן מיט טרערן,
פֿאַר מײַן װײַב האָב איך זיך ייִנגליש פֿאַרשעמט...
כ'בין גרייט איצט נעמען צעשערן
אויף באַנדאַזשן פֿאַר דיר מײַן העמד...

נאָר אַ נאַכט װעל איך הײַנט ניט שלאָפֿן,
ביז די ערשטע פּעדים פֿון דער זון
װעל איך די ראַדיאָ האַלטן אָפֿן;
אפשר פּלאַקערט איבער דיר שױן די באַפֿרײַערישע פֿאָן!..

1939

ווּ מײַן ווײגל איז געשטאַנען

זײ האָבן געטאָן די פּאַטריאָטישע פליכט:
די האַלערטשיקעס צו הילף געקומען;
האָט זײער ווילדע יוכע זיך געשטילט
פון דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן ברונעם?..

זונטיק זענען זײ אין קאָשטשאָל געגאַן.
דורך אַ בוידעם־שפּאַרע כ׳האָב דערקענט אונדזערע שכנים...
דער קשאָנדז האָט זײ געשווענצלט מיטן הייליקן סם —
נשמות דאַרפן זײַן ריינע...

1966

אַ רייפטל לבנה

זי איז אַוועק ווי אויף פליגל
מיט דער באַן וואָס געקומען.
די שינעס, ווי שלאַנגען,
זענען נאָכגעקראָכן.
אויפן שמאָלינקן שטעג
כ׳האָב פּאַמעלער זיך געשלעפּט
ווי די רעדער פון דער באַן —
ווי עפּעס אין מיר
געווען וואָלט צעבראָכן.

מײַן שאָטן — אַ וויגל
צום שטעטל ט׳מיך באַגלייט,
ווי דאָס שטעטל וואָלט לאַנג אַזוי געשלאָפן.
איך ווייס ניט פּאַר וואָס
כ׳האָב זיך פּלוצעם דערפרייידט
וואָס דאָס רייפטל לבנה
איז דער באַן ניט נאָכגעלאָפן.

1962

ברעקלעך פון אַ חלום

פֿאַרבליבן איז מיר איז דער הונגער
וואָס ניט איין מאָל פון שלאָף מיך צעוועקט.
דערוואַקסענע מענטשן זענען קינדער,
ווען מען ברעקלעך פון אַ חלום זיי דערשרעקט.

איך ווייס ניט צוליב וואָס און פֿאַרוואָס,
איך וויל דײַן קול נאָך אַ מאָל דערהערן,
עס זאָל קלינגען מיר ווי דעמלט אויפן גראָז
און די ביימער פונעם וואַלד עס זאָל באַשווערן.

אויף מײַן באַק האָט געצוקט דאַן דײַן וויִע
און דײַנע ברוסטן האָבן געבלאַנקט אַזוי ווײַס,
דײַן גוף האָט געבראַנזט ווי אַ סטאַטוע
און דײַן אָטעם — הייסער פון הייס...

ווי אַלץ שוין געזאָגט מיר האָבן סודותדיק געשוויגן —
אַ שווײַגן אַ צעלויכטנס פון הונגער און זעט,
געקאָנט האָסטו דעמלט אַ שטורעם פֿאַרוויגן
מיט דײַן יונגמיידליש קושן און מיט דײַנעם אַ גלעט.

דיך לויבן, דיר דאַנקען האָט ניט געסטײַעט מיר לשון,
מײַן צונג איז געבליבן ווי אין אַ שייד,
ווי פֿאַרטאָגיקע שטערן זיך געלאָשן
האָבן מײַנע ניט־דערזאָגטע רייד.

איז פֿאַרבליבן אין האַרץ מיר דער הונגער
וואָס גאָר אָפט פון שלאָף מיך צעוועקט —
דערוואַקסענע מענטשן זענען קינדער
ווען מען ברעקלעך פון אַ חלום דערשרעקט...

1979

מיט אייגענע הענט

יאָרן, זאָגט מען, זענען ווי רײַפע זאַנגען,
ווו עס וואַרט אויף זיי אַן אָפענער שײַער.
זייערע קערנער — זאַטע קלאַנגען —
פאַר הונגעריקע טישן די ברכה צושטײַער.

נאָר אויף זומפּיקע וועגן ווער ס׳האָט זײַנע יאָרן פאַרזייט,
געוואַקסן זענען דערנער פאַרן נײַעם מאָרגן.
די מאַרשן אויף סקווערן ווער ס׳האָט נישט געמײַדט —
מיט אייגענע הענט האָט זײַנע יאָרן דערוואָרגן...

1962

צוויַיגן דערציילן

עס האָבן די צוויַיגן פון נאַקעטן בוים
זיך אויפגעכאַפּט פונעם לאַנגן דרימל.
דאַכט זיך די ליפּן זייִ עפענען קוים: —
„אַ גוט־מאָרגן דיר, פרילינגדיקער הימל!"

„זייַט געבענטשט וואָלקנדלער, איר שעפּסעלער וויַיסע,
נאָך איַיער וואַנדער קומט צו אונדז רוען
מיר וועלן אייַך דערציילן פון ווינטער אַ מעשה
פון פראָסטיקע שהען, וואָס האָבן אָפּגעטון דאָס טוען."

כ'בין גרייט איַיך צו שווערן, אַז כ'הער ווי עס רעדן די צוויַיגן,
ווי זיי וואָלטן רעדן צו מיר יעדערער באַזונדער,
אין אַ שעה פון חסד, אַ פּאַרטיפּטע אין שוויַיגן,
וואָס גייט מיר פּאָראויס מיט געטלעכע וווּנדער.

און זע: זייערע לעפצן ווערן לענגער און ברייטער,
בלעטער וואָס גלאַנצן מיר אַנטקעגן זיי טראָגן,
פון פרעסט זיי דערציילן, פון ברענענדיקע שיַיטערס —
יעדער צוויַיג באַזונדער פּרוּווט מיר עפּעס זאָגן:

„חלפדיק האָבן ווינטן די הויט אונדז געשונדן.
דער פראָסט יעדן וואָרצל מיט רוגזה אונדז געביסן,
זאַווערוכעס ווילדע געלאָזט אין אונדז וווּנדן —
זאָפט ווי בלוט האָט געלאָזט פון אונדז זיך גיסן."

בלוט פון ביימער? — זאָל קיינער דערפון ניט לאַכן.
דאָס בלוט פון אַ בוים האָט אַן אייגענעם קאָליר.
צוויַיגן דערציילן אין וואַלדישע שפּראַכן
ווען בייזער ווינט קומט מיט זיי אין באַריר...

1978

די מאָס

איך באַדויער
וואָס דײַן ניט־וואַך אויער
האָט געמיטן מײַנע גרוסן,
דעם אָטעם פון שעפּער —
דיר פרעמד איז צו הערן:
האָסט מיך געמאָסטן
מיט קאַרגע מאָסן;
מיך געוווֹיגן
און די ווײַזערס ניט געהיט,
וואָס האָבן געוויזן,
שווייס פאַרגאָסן
אין פולע קריגן,
און פון תּפילה אַ ניגון —
דער טאָן אין מײַן ליד.

1973

חשבון און דין

א.

יאָרן זענען וויביימער —
זיי וואַקסן און בליִען.
אַ גוף איז מיט צווײַגן
וואָס זעלטן זיי רוען.
די שאַרפקייט פון שטורעמס,
ווער קאָן זיי מײַדן ?
זיי זענען ווי מעסערס —
שינדן און שנײַדן.

נישט פאַרהיילט זענען די ווונדן
פון דאָרטן
ווו מײַן וויגל איז געשטאַנען.
אינעם חשבון פון מײַנע יאָרן
אינעם חשבון און דין
קלעמט דער הונגער און די גרוילן
פונעם האַס צום „זשיד" —
אין פוילן.

ב.

יאָרן מײַנע —
אין לאַנד „מיט גאָלד אויף די גאַסן"
איר זײַט אין שוויס־טײַכן געשווומען,
און איך האָב געטרוימט פון זונפעדעם
וואָס וועלן אויסשפינען
אַ נײַעם באַגינען.

„אַלע מענטשן זענען ברידער״ — —
אינעם הייסן בלוט פון מײַן האַרץ,
כ'האָב די פּען געטונקען,
בײַם אויסגלײַען מײַנע לידער.

האָבן דונערס און בליצן
פון חלום מיך צעוועקט
און דערזען כ'האָב מײַן פּאָן
פון הענקערס פּאַרפלעקט.
באַדויער איך אײַך, בינטלער יאָרן,
כ'בין געבליבן ווי אַ פויגל
מיט צעבראָכענע פליגל
צווישן כוואַליעס געזונקען...

ג.

אין נאָרמאַנדיע
כ'האָב „פּאַקס־האָול״־קברים געגראָבן
ווי קוילן פון מאַשינביקסן,
טאַנקען און קאַנאָנען
האָבן דעם הימל פאַרדעקט
מיט וואָלקנס פון זשאַר,
ווי יעדעס זאַמדעלע האָט פון בלוט געגליט.
אויך אײַך, מלחמה־יאָרן מײַנע,
געוואָלט איך האָב פאַראייביקן
אין אַ ליד.

ד.

נײַע יאָרן מײַנע,
געפינט אַ טירל צו מײַן זכּרון,
עפּענען ס'װעט זיך גרינג:
איך בין װײַט פון זײַן יונג
נאָר מיט דער עלטער —
נאָך נישט קיין מחותּן...
מיט אַ קלאָרקייט פאַר די אויגן,
מײַן האָפונג איז אויף אַ מאָרגן
אין אַ זוניק העמד געבוירן.
און װי אָן פלעקן אויף מאַסט אַ פאָן,
דאָס לאַנד איז מיר טײַער.
װעל איך בענטשן דעם טאָג
װען גאָט װעט מײַן תּפילה דערהערן:
ער זאָל דערפרייען די פאַרשטויסענע,
און די פאַרדאַרבער — צעשטערן.

1983

אין פֿאַרוואָרצלטע שטאַמען

דאָס פּשוטע ליד
וואָס דערהייבט ס׳געמיט
ס׳וועט קיינמאָל ניט וויאַנען.
פֿון דיכטערס גאָרטן
און פֿאַרוואָרצלטע שטאַמען
איך הער דאָס געזאַנג
פֿון אַ ליבער מאַמען.

1950

אין דער זאַמלונג:

צום ווײַטסטן ברעג

* (כ׳וויל מײַנע) 9
צעשטערנטע קלאַנגען 10
ניט־דערזאָגטע רייד 11
זי האָט מיר דערמאָנט 12
גאָלדענע פעדעם 13
צום ווײַטסטן ברעג 14
צו לויטערע קוואַלן 15
ניט־געשריבענע נאָטן 16
אין וואַלד 17
זאַפטיקער טעם 19
אַ שפּראָץ אויף באַגינען 21
פון שטאָט אַנטלאָפן 23
הימלישע טויערן 24
ערגעץ־ווו בלאַנדזשעט 25
קײַלעכדיקער שפּיגל 26
אין זוניקן חלום 27
צופּיל מיטאַמאָל 28
מײַן שאָטן פּרירט אויפן וועג 29
פאַרלוירן דעם וועג 30
צווישן בערג 32
נעכטן און הײַנט א׳־ד׳ 33
אין סאָד 35
כ׳וועל דאַנקען 36
בײַם שפּיגל 37
פון האַרצן דער ניגון 38
דאָס וואָרט 40

טירן און טויערן

* (אַ ליד) 43
דערנער אויפן טעפּיך 44
צעפּאַכען די אָרעמס 45
* (דעם זייגערס) 46
די קרוין 47
פרייד צו הערן 48
מײַיק 49
דאָס ליד פון ערשטן מײַ 50
אויף גאָלדענער וואָג 51
איר קול 53
שורות 54
ווײַט פון שטאָט 55
נישט זעלטן 56
צווישן יאָ און ניין 57
אַ גרוס 58
אַ נאַכטיק פּנים 59
אויב די זון 60
אַ בליץ האָט געשריבן 61
בײַם פענצטער 62
אויב באַשערט אַמאָל 63
דער גורל פון דער נאַכט 64
בײַם ברעג 65
כ׳וועל מיטנעמען די פולע זעט 66
טירן און טויערן 67
אויפן ברוגזן הימל 68
אינעם שטיבל 1־2 69
שטאָטישער מידבר 71
עדות יעדער שפּאַן 73
אין אַ סוף־זומערטאָג 74
סוף זומער 75
אַ לאָמפּ אָן אַ קנויט 76
אָן אָטעם ווי גאַל 77
כ׳מײַד אויס דעם שפּיגל 79
אין אַ ווינטער־טאָג 80
נאָכן שטורעם 81
דורך מײַן פענצטער 82
פּראָסטיקע פלעקן 83
געקאָוועט אין קייטן 84
בײַסיקער ווינט 86
דער פראָסט האָט פאַרפּאַנצערט 87
אויף הײַנט 89
וואָס פאַר מיר האָט געזוניקט 90

אין טרערן געשווומען

איך הער אַ קול 93
געטרײַ כ׳וועל היטן 94
געשווומען אין טרערן 1—2 . . 95
חשבון 97
לימיטאַציע 98
זיי וועלן מיר נאָכגיין, א׳—ד׳ . 100
בײַ די זעקס ליכט 103
אינעם פלאַם פון די ליכט . 105
אַ בית־עולם אָן מצבות . . 107
מײַן אַנקלאַג 108
אין דײַן צימער 110
וואָס מאָרגן וועט זיין, א׳—ב׳ . 111
טאַבאַטשניק 112
זאַפטיקע טעמים 113
בײַם טויער פון בית־עולם . . 114
פון צער צעצונדן, א׳—ג׳ . . 116
פאַריתומט 119
פאַרלאָשן 120
מײַן האַרץ פול צער 121
אַ חלום 122
שוין לעבסטו אין מײַן זכּרון . 125
פון דער וויי 127
מיט טרערן מײַן טרויער . . . 129
אין האַרץ פון מײַן פאָלק . . 130
שוואַרצער ווי די נאַכט . . . 133
צו דיר יעוואַשענקאָ 135
אין מײַן געביין 137
מײַן שאָטן פרירט אויפן וועג . 138

זוניקע פעדעם

ווי דימענטן געשליפן . . . 141
לײַכטן ווי שטערן 142
פון האַרצן דער ניגון . . . 143
געקרוינט 144
אין דמיון 145
זוניקע פעדעם 146
טיפער ווי דעם ים 147
זוניקע שטערן 148
צו די ווײַסטסטע שטערן . . 149
מײַן טיר 150
אויפן ימיקן הימל 151
מיט זוניקייט צעבליט . . . 152
דעם לעצטן שטערן 153
די מאָס פון מאָסן 154
בײַם מנין 155
שאָטנדיק 156
אָן אַ צאָם 157
אין אַ קונסט־טעמפּל אין רוים . 158
ליכטיקע געשטאַלטן 161
אַלבערט איינשטיין 162
אַ ספר 164
צום מײַסטער פון ליד . . . 165
יעקב גלאַטשטיין 166
דער געבענטשטער 167
צו אַ נײַעם מאָרגן 168
ווי אַ שטיין 169
אַ רגע רו 170

צעוועקט אין זכּרון

מײַן תּפילה 173
דער כּוח פון וויסן 174
צוויי געסט 175
עדות די געגנטן 176
אַ קאָשמאַר 177
בלוט 178
ניט ווי צווײַגן 179
דאָס פאַרמשטיבל 180
צעוועקט אין זכּרון 182
בײַם קלאָרן זינען 183
ווי חופּות אָן שטאַנגען . . . 184
אַ צווילינג 185
צום שטעטעלע 186
וווּ מײַן וויגל איז געשטאַנען . 188
אַ רייפטל לבנה 189
ברעקלער פון אַ חלום . . . 190
מיט אייגענע הענט 191
צווײַגן דערציילן 192
די מאָס 193
חשבון און דין, א׳—ד׳ . . . 194
אין פאַרוואָרצלטע שטאַמען . 197

ביכער פון זעלבן מחבר:

אויף מײַנע וועגן, לידער,

פאַרלאַג, י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1978, 188 זײַטן.

מיט אָפענע אויגן, לידער,

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1984, 310 זײַטן.

פון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע, דערציילונגען

מיט אַן אַרײַנפיר פון אליעזר וויזעל

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב 1987, 288 זײַטן.